STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04125

ARAYNFIR IN DER METAFIZIK

Henri Bergson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנרי בערגסאָן

אריינפיר אין דער מעטאַפיזיק

יידיש

ו. נאַטאַנסאָן

פאַרלאַג „נייע געזעלשאַפט" שיקאַגאָ
(יעקב באַבינסקי — פּרעזידענט)

געדרוקט אין 1500 עקזעמפלארן, ווארשע 1923
דרוקעריי „הצפירה“, לעשנא 54

COPYRIGTH BY W. NATANSON
NEW-YORK 1923

WYD. KULTUR-LIGE, WARZAWA, 1923
DRUK. „HACEFIRA“, LESZNO 54

אריינפיר אין דער מעטאפיזיק

ווען מען פאַרגלייכט די דעפיניציעס פון מעטאַפיזיק און די אויפפאַסונגען פון דעם אַבסאָלוטן איינע מיט די אַנדערע, באַמערקט מען, אַז חוץ דעם, וואָס אויף דעם ערשטן בליק גייען זיך די פילאָסאָפן פאַנאַנדער, זענען זיי אָבער מסכים, אַז עס זענען פאַראַן צוויי טיף פאַרשידענע אופנים, ווי אַזוי צו דערקענען אַ געגנשטאַנד. איין וועג פון דערקענען איז צו דרייען זיך *אַרום* דעם געגנשטאַנד, דער אַנדערער איז אַריינצודרינגען אינעווייניק *אין* דעם געגנשטאַנד. *איינער* הענגט אָפּ פון דעם שטאַנדפונקט, וואָס מיר נעמען אָן און פון די סימבאָלן, דורך וועלכע מיר דריקן זיך אויס. דער *אַנדערער* גייט נישט אַרויס פון קיין געזיכטספונקט און שטיצט זיך נישט אויף קיינע סימבאָלן. דער ערשטער מין דערקענטעניש שטעלט זיך אָפּ, קאָן מען זאָגן, ביי דעם *רעלאַטיוון*, דער צווייטער, וואו אַזאַ איז מעגלעך, דערגרייכט דאָס *אַבסאָלוטע*.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל די באַוועגונג פון אַ זאַך אין רוים. איך וועל אויפנעמען די באַוועגונג לויט דעם באַוועגלעכן אָדער אומבאַוועגלעכן פונקט, פון וועלכן איך קוק אויף איר: איך וועל זי אויסדריקן אין סיסטעמען פון אקסן און מערקפונקטן, וואָס אין שייכות צו זיי שטעל איך מיר פאָר די באַוועגונג, דאָס הייסט אין די סימבאָלן, וואָס אין זיי האָב איך איבערזעצט די באַוועגונג. פון די ביידע גרונדן, רוף איך אַזאַ באַוועגונג אַ *רעלאַטיווע*: אין דעם ערשטן ווי אין דעם

צווייטן פֿאַל שטיי איך דרויסן פֿון דער זאַך גופֿא. ווען איך רעד אָבער וועגן אַן אַבסאָלוטער באַוועגונג גיב איך צו צו דער באַוועגנדער זאַך עטוואָס אינערלעכעס, אַ מין גייסט־צושטאַנד, אַזוי צו זאָגן. דאָס מיינט אויך, אַז איך פֿיל מיט מיט די דאָזיקע צושטאַנדן, און, אַז דורך אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג פֿון דעם כּח־הדמיון פֿאַרזעץ איך זיך אינעווייניק אין זיי, און יעמאָלט וועט זיך בייטן מיין ערפֿאַרונג מיט דער באַוועגלעכקייט אָדער אומבאַוועגלעכקייט פֿון דער זאַך, מיט איר אָננעמען אַזאַ אָדער אַנדערע אַרט באַוועגונג. מיין עמפּינדונג וועט זיך נישט וועגדן אין דעם געזיכטספּונקט, וואָס פֿון אים זע איך די זאַך, מחמת איך בין דאָך אַליין אין דער זאַך, און נישט אין די סימבאָלן, וואָס אין זיי האָב איך איבערזעצט די באַוועגונג, מחמת ווייל איך האָב דאָך צוריקגעוויזן אַלע איבערזעצונגען, בכדי איך זאָל באַזיצן דעם אָריגינאַל. קורץ, איך וועל שוין נישט אויפֿפּאַסן די באַוועגונג פֿון דרויסן און אויסערהאַלב פֿון מיר, נאָר פֿון אינעווייניק, ווי זי איז אין זיך זעלבסט. אין מיין רשות, הייסט עס, וועט זיין אַן אַבסאָלוטעם.

לאָמיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל. דאָס מאָל אַ העלד, וועמענס איבערלעבענישן ווערן אין אַ ראָמאַן געשילדערט. וויפֿיל שטריכן פֿונם העלדס כאַראַקטער דער מחבר פֿונם ראָמאַן זאָל פֿאַר מיר נישט אָנוואַרפֿען, וויפֿיל ער זאָל נישט לאָזן זיין העלד רעדן און האַנדלען, קאָן ער דאָך מיר נישט געבן דעם איינפֿאַכן און אומצעגלידערטן געפֿיל, וואָס איך וואָלט דורכגעלעבט, ווען איך וואָלט געווען ביכולת פֿאַר איין אויגנבליק מיך אידענטיפֿיצירן מיט דער פּערזענלעכקייט פֿונם העלד גופֿא. זיינע ווערטער, באַוועגונגען און האַנדלונגען וואָלטן דעמאָלט געפֿלאָסן פֿאַר מיינע אויגן אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן, דאָס הייסט פֿון מקור זעלבסט. זיי וואָלטן שוין נישט געווען מער קיין צופֿעליקייטן, וואָס ווען זיי ווערן צוגעגעבן צום באַגריף, וואָס איך האָב שוין וועגן העלד, הערן זיי נישט אויף רייכער צו מאַכן דעם באַגריף, נישט קאָנענדיק אָבער אים נישט מאַכן פֿולשטענדיק. די פּערזענלעכקייט וואָלט זיך צו מיר מיט אַמאָל אין איר גאַנצקייט אַנטפּלעקט, און מיר וואָלט זיך געדאַכט, אַז די טויזנטער צופֿעליקייטן, וואָס דורך זיי מאַניפֿעסטירט זיך די פּערזענלעכקייט, ווערן נישט צוגעגעבן צום באַגריף וועגן העלד, נאָר אדרבה, זיי רייסן זיך אָפּ

פון אים, און דאָך שעפן זיי נישט אויס און מאַכן נישט אָרעמער די עסענץ פונם באַגריף. אַלץ וואָס ווערט מיר דערציילט וועגן דער פערזענלעכקייט, גיט מיר אַזויפיל געזיכטספונקטן, וואָס פון זיי קאָן איך די פערזענלעכקייט באַטראַכטן. אַלע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פערזענלעכקייט, און וואָס קאָנען זיך מיט איר באַקאַנט מאַכן נאָר דורך פערזאָנען און זאַכן, וואָס מיט זיי בין איך שוין באַקאַנט, זענען צייכנס, וואָס דריקן אויס די פערזענלעכקייט מער אָדער ווייניקער סימבאָליש. סימבאָלן און געזיכטספונקטן, אַלזאָ, שטעלן מיך אויסערהאַלב דער פערזענלעכקייט: זיי גיבן מיר דאָס, וואָס זי פאַרמאָגט געמיינזאַם מיט אַנדערע, און נישט דאָס, וואָס געהערט צו איר, און נאָר צו איר: דאָס אָבער, וואָס איז באמת אירס, דאָס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איר תמצית, קאָן נישט פון דרויסן באַנומען ווערן, מחמת עס איז דאָך לויט דעם באַגריף אינערלעך, און עס קאָן נישט אין סימבאָלן אויסגעדריקט ווערן, ווייל עס קאָן נישט געמאָסטן ווערן מיט קיין אַנדער זאַך. באַשרייבונג, געשיכטע און אַנאַליז לאָזן מיך דאָ איבער אינם רעלאַטיוון. דאָס אַבסאָלוטע באַקום איך נאָר דעמאָלט, ווען איך טרעף מיך צונויף מיט דער פערזענלעכקייט גופא.

אין דעם זין, און נאָר אין דעם זין, האָט *אַבסאָלוטהייט* די זעלבע באַדייטונג, וואָס *פולקאָמענהייט*. אַלע פאָטאָגראַפיעס פון אַ שטאָט, גענומען פון אַלע מעגלעכע אָנזיכטס=פונקטן — מעגן זיי גענומען ווערן אין אַן אומענדלעכער צאָל, איינע בעסער פאַר דער אַנדערער — וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַרגלייכן צום פלאַסטישן פאָרבילד פון דער שטאָט זעלבסט, אין וועלכער מיר גייען אַרום. אַלע איבערזעצונגען פון אַ געדיכט אין אַלע מעגלעכע שפּראַכן וועלן, דורך דעם סכום פון זייערע זין=שאַטירונגען, צוגעבן נייע ניואַנסן, וואָס וועלן איינע די אַנדערע קאָרעגירן, וועלן שאַפן אַ מער און מער טרייען בילד פון דעם געדיכט, — זיי וועלן אָבער קיינמאָל נישט איבערגעבן דעם אינערלעכן זין פון דעם אָריגינאַל. אַ פאָרשטעלונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן פון אַ געוויסן געזיכטספונקט, אַן איבערזעצונג, וואָס ווערט געמאַכט אין געוויסע סימבאָלן, וועלן שטענדיק בלייבן אומפולקאָם אין פאַרגלייך מיטן געגנשטאַנד, וואָס פון אים איז די פאָרשטעלונג געמאַכט געוואָרן, אָדער וואָס אים האָבן די סימבאָלן געזוכט אויסצודריקן. דאָס אַבסאָלוטע אָבער,

וואָס איז דער געגנשטאַנד אַליין און נישט קיין פאָרשטעלונג, דער אָריגינאַל און נישט קיין איבערזעצונג איז פּונקט דערפאַר, ווייל עס איז פּונקט דאָס, וואָס עס איז.

אַדאַנק דעם איז דאָס אַבסאָלוטע בלי ספק אָפּט אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דעם אומענדלעכן. ווען איך זאָל וועלן עמיצן, וואָס פאַרשטייט נישט קיין גריכיש, איבערגעבן דעם איינפאַכן איינדרוק, וואָס האָמערס אַ פערז מאַכט אויף מיר, וואָלט איך קודם איבערזעצט דעם פערז, נאָכהער וואָלט איך געמאַכט אַ פירוש אויף דער איבערזעצונג, צולעצט וואָלט איך דעם פירוש אַנטוויקלט, און איין דערקלערונג נאָך דער אַנדערער וואָלט מיך אַלץ נענטער און נענטער געבראַכט צו דעם, וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען, צוגעקומען דערצו אָבער וואָלט איך קיינמאָל נישט. ווען עמיץ טוט אַ הויב זיין אָרעם, מאַכט ער אַ בעוועגונג, וואָס פון איר האָט ער אינערלעך אַן איינפאַכע עמפינדונג; פאַר מיר אָבער, וואָס קוקט אויף דער באַוועגונג פון דרויסן, באַוועגט זיך זיין אָרעם דורך איין פּונקט, נאָכהער דורך אַן אַנדערן, און צווישן די דאָזיקע פּונקטן ליגן נאָך אַנדערע פּונקטן, וואָס זיי צו ציילן וואָלט געווען אַן אומענדלעכער פּראָצעס. ווען מיר באַטראַכטן אַלזאָ דאָס אַבסאָלוטע אינערלעך, איז עס אַן איינפאַכע זאַך, טוען מיר אָבער אויף דעם אַ בליק אויסערלעך, ד. ה., רעלאַטיוו צו אַנדערע זאַכן, ווערט עס בנוגע צו די צייכנס, וועלכע דריקן עס אויס, אַ גאָלדענע מטבע, וואָס איר ווערט קאָן קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט ווערן. און דאָס, וואָס קאָן גלייכצייטיק: אי אַלס אומצעטיילטעס באַטראַכט ווערן, אי אָן אַ שיעור געטיילט ווערן, איז, לויט דעם באַגריף פון וואָרט, אומענדלעך.

דעריבער קומט אויס, אַז דאָס אַבסאָלוטע קאָן נאָר אין אַן אינטואיציע געגעבן ווערן, בעת אַלעס איבעריקס געהערט צו דער ממשלה פון אַנאַליז. אינטואיציע איז אַ מין אינטעלעקטועלער מיטגעפיל, וואָס אַדאַנק אים קאָן איינער אַריינדרינגען אינעווייניק אין דעם געגנשטאַנד, כדי דאָרט אָנטרעפן דאָס, וואָס איז איין און איינציק און, פאָלגלעך, אומאויסדריקלעך. אַנאַליז, פאַרקערט, איז די אַרבעט פון געדאַנק, וועלכע רעדוצירט דעם געגנשטאַנד צו עלעמענטן, וואָס זענען שוין אונז באַקאַנט, דאָס הייסט, צו עלעמענטן, וואָס דער דאָזיקער געגנשטאַנד פאַרמאָגט געמיינזאַם מיט אַנדערע געגנשטאַנדן. צו אַנאַלי-

זירן הייסט, דערום, אויסצודריקן אַ זאַך דורך עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס די זאַך אַליין איז. יעדער אַנאַליז איז, אַלזאָ, אַן איבערזעצונג, אַן אַנטוויקלונג אין סימבאָלן, אַ בילדלעכע פאָרשטעלונג, וואָס קומט צו אונז פון אַ ריי געזיכטספּונקטן, וועלכע גיבן אונז די מעגלעכקייט צו מערקן אַזויפיל, וויפיל נאָר מעגלעך ענלעכקייט צווישן דעם נייעם געגנשטאַנד, וואָס מיר שטודירן, און די אַנדערע געגנשטאַנדן, וואָס זיי, גלויבן מיר, ווייסן מיר שוין. אין זיין אייביק אומגעשטילטן פאַרלאַנג צו גרייפן דעם געגנשטאַנד, אַרום וועלכן ער איז פאַרמשפּט זיך צו דרייען ווי אַרום אַ קרייז, מערט דער אַנאַליז אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך די צאָל פון זיינע געזיכטספּונקטן, כדי ער זאָל פאַרפולשטענדיקן די קיינמאָל נישט פולשטענדיקע פאָרשטעלונג, און ער ווערט נישט מיד צו בייטן זיינע סימבאָלן, כדי צו פאַרפולקאָמען די תמיד־אומפולקאָמענע איבערזעצונג. דערום פירט דער אַנאַליז צום אומענדלעכן. אינטואיציע, אָבער, אויב אַזעלכע איז מעגלעך, איז אַן איינפאַכער פּראָצעס.

גיבן מיר דאָס צו, איז שוין לייכט איינצוזען, אַז די טאָג־טעגלעכע אַרבעט פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט באַשטייט אין אַנאַליזירן. די פּאָזיטיווע וויסנשאַפט אַרבעט מער פון אַלץ מיט סימבאָלן; אפילו די קאָנקרעטסטע נאַטורוויסנשאַפטן, די וואָס פאָרשן דאָס לעבן, פאַרנעמען זיך מיט די אויגנשיינלעכע פאָרמען פון לעבעדיקע נפשות, מיט זייערע אברים און אַנאַטאָמישע עלעמענטן. זיי פאַרגלייכן די פאָרמען איינע מיט די אַנדערע, די מער פילפאַכע פאָרמען פירן זיי צוריק אויף די מער איינפאַכע. אין קורצערע ווערטער: זיי שטודירן די פונקציעס פון לעבן אין דעם, אַזוי צו זאָגן, זיכטבאַרן סימבאָל פון לעבן. אויב עס איז פאַראַן אַ מיטל אויפצופאַסן די רעאַליטעט אַבסאָלוט, אַנשטאָט זי צו דערקענען העלאַטיוו, זיך איינוויינגיק אין איר צו פאַרזעצן, אַנשטאָט צו באַטראַכטן זי פון דרויסנדיקע געזיכטספּונקטן, צו האָבן וועגן איר אַן אינטואיציע, אַנשטאָט צו מאַכן פון איר אַן אַנאַליז, בקצור: צו דערגרייכן זי, די דאָזיקע רעאַליטעט, אָן וואָסער ס'איז אויסדרוק, איבערזעצונג אָדער סימבאָלישער פאָרשטעלונג — איז דער דאָזיקער מיטל: מעטאַפיזיק. *מעטאַפיזיק איז, אַלזאָ, די וויסנשאַפט, וואָס וויל אויסקומען אָן סימבאָלן.*

עס איז פאַראַן אַמווינציקסטן איין רעאַליטעט, וואָס זי גרייפן מיר

אַלע פֿון אינעווייניק דורך אינטואיציע, און נישט דורך בלויז אַנאַליז, און דאָס איז אונזער אייגענע פּערזענלעכקייט, בעת זי פֿליסט אין דער צייט, ד. ה., אונזער זעלבסט, וואָס דויערט. אפילו אויב מיר לעבן זיך נישט צונויף אינטעלעקטועל מיט קיין אַנדער זאַך, לעבן מיר זיכער זיך צונויף מיט אונזער אייגענעם זעלבסט.

ווען איך שטעל מיר פֿאָר מיין אייגענעם זעלבסט פֿאַר אַ רגע נישט אַקטיוו, און שטעל אָן אויף אים דעם אינערלעכן בליק פֿון מיין באַוואוסטזיין, מערק איך צום אַלעם ערשטן, אין דער פֿאָרם פֿון אַ פֿאַרגליווערטער קרוסטע אויף דעם אויבערפֿלאַך, אַלע עמפּפֿינדונגען, וואָס קומען צום זעלבסט פֿון דער מאַטעריעלער וועלט. די עמפּפֿינדונגען זענען גענוי, באַשטימט, שטייען, אָדער קאָנען געשטעלט ווערן, איינע נעבן די אַנדערע, זיי האַלטן דערביי, אַז זיי זאָלן זיך גרופּירן אין אָביעקטן. נאָכהער מערק איך די זכרונות, וועלכע געפֿינען זיך מער אָדער ווייניקער אין צוזאַמענהאַנג מיט די עמפּפֿינדונגען און העלפֿן זיי צו דערקלערן. די זכרונות, ווערנדיק געצויגן צו דעם אויבערפֿלאַך פֿון די עמפּפֿינדונגען, צו וועלכע זיי זענען ענלעך, האָבן זיך ווי אָפּגעריסן פֿון דער טיפֿעניש פֿון מיין זעלבסט: זיי שטייען אויף מיין זעלבסט, זיי זענען אָבער נישט מיין זעלבסט אין דעם אַבסאָלוטן זין. ענדלעך פֿיל איך שטרעבונגען און באַוועגונגס=געוואוינהייטן — אַ מענגע פֿון ווירקזאַמע טעטיקייטן, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער פֿאַרבונדן מיט די עמפּפֿינדונגען און ערינערונגען, און וואָס מער די דאָזיקע עלעמענטן, מיט זייערע גענוי=באַשטימטע פֿאָרמען, טיילן זיך אוים איינע פֿון די אַנדערע, אַלץ מער זעען זיי אוים צו זיין אָפּגעטיילט פֿון מיר. און אַרויסשטראַלנדיק, ווי די דאָזיקע עלעמענטן שטראַלן אַרוים פֿון אינעווייניק אין דרויסן אַרוים, בילדן זיי אַלע צוזאַמען אַן אויבערפֿלאַך פֿון אַ קוגל, וואָס איז גענייגט זיך צו דערווייטערן און צו פֿאַרלירן זיך אין דער דרויסנדיקער וועלט: ווען איך צי מיך אָבער צוריק פֿון דער פּעריפֿעריע צום צענטר, ווען איך זוך אין דער טיפֿעניש פֿון מיין וועזן דאָס, וואָס עס איז אַמגלייכמעסיקסטן, אַמבאַשטענדיקסטן און אַמדויערהאַפֿטסטן אין מיין איך, געפֿין איך גאָר עפּעס אַנדערש.

אונטער די שאַרף=געשניטענע קרישטאָלן, אונטער דעם פֿאַרשטאַרטן אויבערפֿלאַך, שטוים איך מיך אָן אויף אַן אומאויפֿהערלעך לויפֿנדן

שטראָם, וואָס קאָן זיך נישט פאַרגלייכן צו וואַסער עס איז שטראָם, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען. דער שטראָם באַשטייט פון אַ ריי צושטאַנדן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז מודיע דאָס, וואָס וועט ערשט קומען, און אַנטהאַלט אין זיך דאָס, וואָס איז שוין פאָרגעקומען. פינקטלעך גערעדט, ווערן די דאָזיקע צושטאַנדן פאָרמירט ערשט נאָכדעם, ווי איך בין זיי שוין פאַרבייגעגאַנגען, און ערשט דאַן, ווען איך קער מיך אום צוריק צו באַטראַכטן זייערע שפורן. בעת איך האָב דורכגעמאַכט די דאָזיקע צושטאַנדן, זענען זיי געווען אַזוי פעסט אָרגאַניזירט, אַזוי טיף דורכגענומען מיט דעם רוח־החיים, אַז איך האָב נישט געקאָנט זאָגן וואו איין צושטאַנד ענדיקט זיך און וואו דער אַנדערער הויבט זיך אָן. אין דער ווירקלעכקייט, האָט קיין איינער נישט פון די דאָזיקע צושטאַנדן אַן אָנהויב, אָדער אַ סוף, נאָר אַלע דרינגען זיי אַריין איינע אין די אַנדערע.

מען קאָן, אויב מען וויל, פאַרגלייכן דאָס אינערלעכע לעבן מיט דער אַפּוויקלונג פון אַ ספּרענזשינע, מחמת ס'איז דאָך נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש, וואָס זאָל נישט פילן, ווי ער קומט פּאַמעלעך צום סוף פון זיין ראָל: לעבן הייסט עלטערן זיך. מען קאָן דאָך אָבער גראַד אַזוי גוט פאַרגלייכן דעם אינערלעכן לעבן מיט איין אומאויפהערלעכער אויפוויקלונג, ווי די אויפוויקלונג פון אַ פאָדים אויף אַ קנויל, ווייל אונזער פאַרגאַנגענהייט הערט נישט אויף זיך צו פאַרגרעסערן דורך דער געגנוואַרט, וועלכע זי נעמט־אויף אויף איר וועג; און באַוואוסטזיין באַטייט זכרון.

אין אמתן איז עס נישט קיין אַפּוויקלונג און נישט קיין אויפוויקלונג, מחמת בײדע בילדער רופן־אַרויס אַ פאָרשטעלונג פון ליניען און אויבערפלאַכן, וואָס זייערע טיילן זענען איינאַרטיק און קאָנען אויסגעשפּרייט ווערן איינע אויף די אַנדערע. אינם לעבן אָבער פון אַ באַוואוסטזיניקן נפש איז נישט פאַראַן קיין צוויי אידענטישע מאָמענטן. לאָמיר נעמען דעם פשוטסטן געפיל, אים פאָרשטעלן אַלס אַ באַשטענדיקן, און לאָזן אונזער גאַנצע פּערזענלעכקייט פון אים איינגעשלונגען ווערן: דער באַוואוסטזיין, וואָס וועט באַגלייטן דעם דאָזיקן געפיל, קאָן נישט בלייבן איינער און דער זעלבער פאַר צוויי קאָנסעקוטיווע אויגנבליקן, ווייל דער צווייטער אויגנבליק אַנטהאַלט עפּעס, וואָס פעלט דעם ערשטן, און דאָס איז דער זכרון, וואָס דער ערשטער האָט אים וועגן זיך איבער=

געלאָזט. אַ באַוואוסטזיין, וואָס וואָלט געקאָנט שפּירן צוויי אידענטישע מאָמענטן, וואָלט געוועזן אַ באַוואוסטזיין אָן אַ זכרון, ער וואָלט אָן אָן אויפהער אונטערגעגאַנגען און פון דאָס ניי אויפגעקומען. ווי אַנדערש אָבער קאָנען מיר זיך די אומבאַוואוסטהייט פאָרשטעלן?

מיר וועלן דערום מוזן באַנוצן פאַר אַ ביישפּיל דעם טויזנט־פאַרביקן ספּעקטרום, וואו מען גייט אַריבער דורך אומבאַמערקטע שטופן פון איין ניואַנס צום אַנדערן. אַ געפיל־שטראָם, וואָס איז דורכגעלאָפן דורך דעם ספּעקטרום און באַפאַרבט געוואָרן אויפן וועג פון יעדן ניואַנס זיינעם, וואָלט גראַדנוויז דורכגעמאַכט אַ ריי פון פאַרענדערונגען. איטלעכע פאַרענדערונג וואָלט מודיע געוועזן דאָס אָנקומען פון דער אַנדערער, און וואָלט צוזאַמענגעשטעלט דעם סכום פון אַלע פאָרגייענדיקע פאַר־ענדערונגען; די ניואַנסן פון דעם ספּעקטרום, קומענדיק איינע נאָך די אַנדערע, ווי זיי טוען דאָס, שטייען אָבער דאָך דרויסן איינע פון די אַנדערע, זיי שטייען איינע נעבן די אַנדערע, זיי פאַרנעמען רוים. דער ריינער דויער, אָבער, שליסט אויס יעדן געדאַנק פון נעבנקייט, פון גענג־זייטיקער דרויסנקייט און פון אויסגעשפּרייטקייט.

לאָמיר אונז דען ליבערשט פאָרשטעלן אַן אומענדלעך קליינעם גומענעם באַנד, וואָס, ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען, איז צונויפגעצויגן ביז אַ מאַטעמאַטישן פונקט. מיר ציען די גומע אַזוי פאַנאַנדער, אַז פונם פונקט קומט אַרויס אַ ליניע, וואָס האַלט אין ווערן לענגער און לענגער. לאָמיר אונזער אויפמערקזאַמקייט ריכטן נישט אויף דער ליניע, נאָר אויף דער טעטיקייט, וואָס ציט די ליניע. לאָמיר אין זינען האָבן, אַז די טעטיקייט, אויב נישט אונטערגעבראָכן, איז אומטיילבאַר, הגם זי דויערט. און אויב זי ווערט ערגעץ וואו יאָ אונטערגעבראָכן, האָבן מיר דאָן צוויי טעטיקייטן אָנשטאָט איינער, וואָס איטלעכע פון זיי איז די אומטיילִיקע טעטיקייט, וועגן וועלכער מיר רעדן. און זאָלן מיר נישט פאַרגעסן, אַז עס איז נישט די באַוועגלעכע טעטיקייט גופא, וואָס קאָן געטיילט ווערן, נאָר די אומבאַוועגלעכע ליניע, וואָס די טעטיקייט לאָזט הינטער זיך אַלס אַ שפּור אין רוים. לאָמיר זיך ענדלעך באַפרייען פון דעם רוים, דער אונטערשלאַק פון דער באַוועגונג, כדי מיר זאָלן באַטראַכטן די באַוועגונג גופא, דעם פּראָצעס פון געשפּאַנטקייט אָדער אויסגעשפּרייט־

קייט, קורץ, די ריינע באַוועגלעכקייט, און מיר וועלן איצטיקס מאָל האָבן אַ מער טריי בילד פון דער אַנטוויקלונג פון אונזער איך.

אָבער אויך דאָס בילד איז נישט פולשטענדיק. און, אייגנטלעך, ווען קיין פאַרגלייך נישט זיין צופרידנשטעלנד, מחמת דאָס פאַנאַנדער־וויקלען זיך פון אונזער דויער איז ענלעך, אין איין הינזיכט, צו דער אייני־הייט פון אַ פאָרגייענדער באַוועגונג, און, אין אַן אַנדער הינזיכט, צו דער פולהייט פון פאַנאַנדערגעלאָזענע צושטאַנדן. און עס איז דאָך קלאָר, אַז קיין מעטאַפאָר קאָן נישט אויסדריקן איין הינזיכט, און דערביי נישט מקריב זיין מיט אַ צווייטער. נוץ איך אַלס פאַרגלייך דעם טויזנט־פאַרביקן ספעקטרום, האָב איך פאַר מיר אַ זאַך, וואָס איז שוין געמאַכט, בעת דער דויער קומט אויף אומאויפהערלעך. טראַכט איך וועגן אַ גומע־נעם באַנד, וואָס ציט זיך פאַנאַנדער, אָדער וועגן אַ ספרענזשינע, וואָס ציט זיך צונויף, אָדער לאָזט זיך אָפּ, לאָז איך אַרויס פון אויג די רייכ־קייט פון פאַרב, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם לעבעדיקן דויער. איך טו עס, כדי איך זאָל זען נאָר די איינפאַכע באַוועגונג, וואָס דורך איר גייט דער באַוואוסטזיין אַריבער פון איין ניואַנס צום צווייטן. דאָס אינערלעכע לעבן פאַרמאָגט אָט די דאָזיקע אַלע זאַכן אין איינער און דערזעלביקער צייט. עס איז אַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון איכותן, אַ קאָנטי־נואיטעט פון פאָרטשריט און אַן איינהייט פון ריכטונג. עס לאָזט זיך נישט רעפּרעזענטירן דורך בילדער.

נאָך ווייניקער, אָבער, לאָזט עס זיך רעפּרעזענטירן דורך ב אַ ־ ג ר י פ ן, דאָס הייסט, דורך אַבסטראַקטע, אַלגעמיינע, אָדער איינפאַכע אידעען. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז קיין בילד קאָן נישט איבערגעבן פולשטענדיק דעם אורשפּרינגלעכן געפיל, וואָס איך האָב פון דעם גאַנג פון מיין אייגן באַוואוסטזיניק לעבן. און עס איז גאָר נישט נויטיק אַפילו, אַז איך זאָל דאָס פרווון איבערצוגעבן. אויב אַ מענטש איז נישט ביכולת אַליין צו קריגן די אינטואיציע פון דעם דויער, וואָס מאַכט זיין וועזן, וועט קיין זאַך נישט קאָנען, ווען עס איז, אים דאָס געבן, באַגריפן אַזוי ווייניק ווי בילדער. די איינציקע אויפגאַבע פון די פילאָסאָפן דאַרף זיין צו סטימולירן אַ געוויסע אָנשטרענגונג, וואָס ביים רוב מענטשן ווערט צוריקגעהאַלטן דורך די געוואוינהייטן פון געדאַנק, וועלכע זענען מער ניצלעך פאַרן לעבן. דאָס בילד האָט אַמווייניקסטנס די מעלה, וואָס עס

האַלט אונז אינם קאָנקרעטן. קיין בילד קאָן נישט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער דויער־אינטואיציע. אַ סך פאַרשיידענע בילדער אָבער, געבאָרגט פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון זאַכן, וועלן, דורך דעם סך הכל פון זייערע ווירקונגען, וואָס צילן זיך אין איין ריכטונג, אָנווייזן דעם באַוואוסטזיין דעם גענויען פונקט, וואו מען קאָן גרייפן אַ באַשטימטע אינטואיציע. אויב מיר וועלן קלייבן אונזערע בילדער אַזוי, אַז איינס זאָל זיין, ווי ווייט מעגלעך, אומענלעך צום צווייטן, וועלן מיר מאַכן אוממעגלעך פאַר וואָסער עס איז בילד צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אינטואיציע, וועלכע עס האָט געזאָלט אַרויסרופן, — מחמת עס וועט דאָך אויפן אָרט פאַרטריבן ווערן פון זיינע קאָנקורענטן. און אויב מיר וועלן זען, אַז די בילדער זאָלן, חוץ די פאַרשיידנהייטן פון זייערע אָנזיכטן, פאָדערן פון אונזער געדאַנק די זעלבע אויפמערקזאַמקייט, און, אין אַ געוויסער אַרט דעם זעלבן גראַד געשפּאַנטקייט, וועלן מיר ביסלעכווייז צוגעוואוינען דעם באַוואוסטזיין צו אַ גאַנץ אויסטערלישער און אַ גאַנץ באַשטימטער נייגונג, צו אַזעלכער, אייגנטלעך, וועלכע דער באַוואוסטזיין מוז אָננעמען, כדי ער זאָל צו זיך אַליין אויסזען, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט, אָן וועלכן עס איז שלייער. דער באַוואוסטזיין מוז אָבער, לכל הפּחות, איינוויליקן צו אָנטאָן זיך אַ כח. ווײַל עס ווערט דאָך אים נישט נאָר פּשוט עפּעס געצייגט, מען העלפט אים נאָך אָנצונעמען אַ שטעלונג, וועלכע איז נויטיק, כדי ער זאָל מאַכן די געווינטשטע אָנשטרענגונג, וואָס אַ דאַנק איר וועט ער אַליין פון זיך קומען צו דער אינטואיציע. דער היפּוך איז מיט באַגריפן, — דערהויפּט מיט די, וואָס זענען איינפאַך. זייער חסרון איז, וואָס זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט סימבאָלן, וואָס פאַרטרעטן דעם אָרט פון געגנשטאַנד, וועלכן זיי סימבאָליזירן, און זיי פאַרלאַנגען נישט פון אונז קיין אָנשטרענגונג. באַמערקט מען זיי גענויער, דערזעט מען, אַז יעדער באַגריף אַנטהאַלט פון דעם געגנשטאַנד נאָר דאָס, וואָס איז געמיינשאַפטלעך פאַר דעם און אַנדערע געגנשטאַנדן, און אַז דער באַגריף, נאָך מער ווי אַ בילד, דריקט־אויס אַ פאַרגלייך צווישן דעם געגנשטאַנד און אַנדערע, וועלכע זענען ענלעך צו אים. היות אָבער ווי דער פאַרגלייך האָט אַרויסגעבראַכט אַ געוויסע ענלעכקייט, היות ווי די ענלעכקייט איז אַן אייגנטימלעכקייט פונם געגנשטאַנד, און היות ווי די אייגנטימלעכקייט זעט לגמרי אויס

ווי זי וואָלט געווען אַ טייל פונם געגנשטאַנד, וואָס באַזיצט די אייגנטימלעכקייט, דערום לאָזן מיר אונז לייכט איינרעדן, אַז ווען מיר שטעלן אַוועק אַ באַגריף נעבן אַ באַגריף, בויען מיר אויף פון די טיילן אויף דאָס ניי דעם געגנשטאַנד און באַקומען אויף אַזאַ אופן, אַזוי צו זאָגן, דעם גייסטיקן עקוויוואַלענט פון דעם געגנשטאַנד. אָט פאַרוואָס מיר גלויבן, אַז אונז וועט געלונגען צו בילדן אַ ריי פאָרשטעלונגען פון דעם דויער, דורך דעם, וואָס מיר ווילן שטעלן אין איין שורה די באַגריפן פון איינהייט, פולהייט און אומאיבערגעריסנקייט, ענדלעכע און אומענדלעכע צעטיילטקייט און נאָך אַזוינע באַגריפן. און גראָד דאָ איז די אילוזיע, און דאָ ליגט אויך די געפאַר. פונקט אַזויפיל ווייפיל אַבסטראַקטע באַגריפן קאָנען העלפן דעם אַנאַליז, דאָס הייסט דער וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג פונם געגנשטאַנד אין זיין שייכות צו די אַנדערע געגנשטאַנדן, פונקט אַזוי ווייניק זענען זיי פעיק צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אינטואיציע, דאָס הייסט פון דער מעטאַפיזישער דערפאָרשונג פון דער זאַך בנוגע איר מהות און אייגנאַרטיקייט. דאָס איז פון איין זייט דערפאַר, וואָס די באַגריפן, אַוועקגעשטעלט זייט ביי זייט, גיבן אונז אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט מער ווי אַ קינסטלעכע רעקאָנסטרוקציע פון דער זאַך. זיי קאָנען פון איר סימבאָליזירן נאָר באַשטימטע, אַלגעמיינע, און אין אַ זין, נישט קיין אינדיווידועלע אָנזיכטן. עס איז דערפאַר אומזיסט צו גלויבן, אַז מיט באַגריפן, וואָס שטעלן=פאָר נאָר דעם שאָטן פון דער ווירקלעכקייט, קאָנען מיר די ווירקלעכקייט גופא באַגרייפן. פון דער אַנדערער זייט ליגט אין דער אילוזיע אויך אַ זייער גרויסע געפאַר. וואָרים דער באַגריף פאַראַלגעמיינט און אַבסטראַהירט אין איין און דערזעלבער צייט. דער באַגריף קאָן סימבאָליזירן אַ געוויסע אייגנשאַפט פונם אָביעקט נאָר דורך דעם, וואָס ער מאַכט זי געמיינזאַם צו אָן אַ שיעור אָביעקטן. ער מוז דערום פאַרקריפּלען די אייגנשאַפט דערמיט, וואָס ער פאַראַלגעמיינט זי. ווען אַן אייגנשאַפט ווערט אַרייגעשטעלט אין אַ מעטאַפיזישן אָביעקט, פאַלט זי צונויף מיט דעם אָביעקט, אָדער, לכל הפחות, פאָרמירט זי זיך לויט זיין געשטאַלט, און נעמט אָן זיין אומרים. ווערט זי אָבער אַרויסגענומען פון דעם מעטאַפיזישן אָביעקט, און פאָרגעשטעלט אין אַ באַגריף, ווערט זי אָן אַן ערך גרעסער, גייט אַרויס פון דעם גבול פון דעם אָביעקט, ווייל זי מוז דאָך

איצט כולל זיין דעם דאָזיקן אָביעקט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע
אָביעקטן. דעריבער מאַכן די פאַרשיידענע באַגריפן, וואָס מיר בילדן,
מכח דער איינגנשאַפט פון אַ זאַך, אַ סך קרייזן אַרום דער זאַך. איטלעך־
איינציקער קרייז איז צו גרויס פאַר דער זאַך, און קיין קרייז פאַסט
נישט גענוי צו דער זאַך. אין דער זאַך גופא אָבער פאַלן די איינגנשאַפטן
צונויף מיט דער זאַך, און במילא איין איינגנשאַפט מיט דער אַנדערער,
און דערפאַר מוזן מיר, אויב מיר ווילן מיט באַגריפן פון דאָס נייַ דעם
אָביעקט קאָנסטרויִרן, מוזן מיר אָנקומען צו אַן המצאה, וואָס זאָל
מעגלעך מאַכן דאָס צונויפפאַלן פון די איינגנשאַפטן מיט דעם אָביעקט.
מיר קאָנען, למשל, נעמען וואָסערן עס איז באַגריף, און פרוון אַרום
אים פאַרייניקן די אַנדערע באַגריפן. עס וועט אָבער נישט נעמען לאַנג,
און מיר וועלן איינזען, אַז דאָס צונויפקומען זיך און די פאַרייניקונג פון
די באַגריפן וועט זיך ווענדן אָן דעם, צי מיר האָבן אַזאַ אָדער אַן אַנדער
באַגריף גענומען פאַר אונזער אויסגאַנגס־פונקט. ווען מיר אַרויסגיין,
צום ביישפיל, פון דעם באַגריף פון איינהייט, וועט די פילפאַכע איינהייט
פון דויער באַגריפן ווערן אַנדערש, ווי זי וואָלט באַגריפן געוואָרן, ווען
מיר זאָלן אַרויסגיין פון דעם באַגריף פון פולקייט. אַלץ וועט זיין געווענדט
אין דעם געוויכט, וואָס מיר לייגן אויף דעם אָדער יענעם באַגריף, און
דאָס געוויכט וועט תמיד זיין אַ ווילקירלעכעס, מחמת דער באַגריף, וואָס
איז פון דעם אָביעקט אַרויסגענומען געוואָרן, איז אַ שאָטן פון אַ קערפּער,
און האָט נישט דעריבער קיין געוויכט. אַזוי אַרום וועלן אויפקומען אַזוי־
פיל פאַרשיידענע סיסטעמען, וויפיל עס זענען פאַראַן אויסערלעכע
געזיכטספונקטן, פון וועלכע די רעאַליטעט קאָן אונטערזוכט ווערן, אָדער
וויפיל גהעסערע קרייזן עס זענען דאָ, וואָס אין זיי קאָן די רעאַליטעט
איינגעשלאָסן ווערן. דער חסרון פון די איינפאַכע באַגריפן איז נישט
נאָר דאָס, וואָס זיי צעטיילן די קאָנקרעטע איינהייט פונם אָביעקט אין
אַזויפיל סימבאָלישע אויסדריקן, נאָר אויך דאָס, וואָס זיי צעטיילן די
פילאָסאָפיע אין באַשטימטע שולן, וואָס יעדע איינע פון זיי פאַרנעמט
איר אָרט, קליבט אויס אירע שפּילצייכנס, און פירט־אָן מיט די אַנדערע
שולן אַ שפּיל, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. מעטאַפיזיק איז
עני־וועדער אַזאַ שפּיל פון אידעען, אָדער — אויב זי איז אַן ערנסטע
אַרבעט פון געדאַנק, איז זי אַ וויסנשאַפט, און נישט קיין גימנאַסטיק —

מוז זי העכער איבער די באַגריפן שטייגן, כדי צו דערגרייכן די אינטואיציע. זיכער קאָן זי זיך נישט באַגיין אָן באַגריפן, ווייל אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן אַרבעטן מערסטנס מיט באַגריפן, און מעטאַפיזיק קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון די אַנדערע וויסנשאַפטן. אָבער באמת אַליין איז די מעטאַפיזיק נאָר דעמאָלט, ווען זי טרעט אַריבער די גרענעצן פון באַגריפן, אָדער ווען זי באַפרייט זיך, אַמווייניקסטנס, פון די שטאַרע און פאַרטיקע באַגריפן, כדי צו בילדן אַזוינע באַגריפן, וואָס זענען לגמרי פאַרשיידן פון די, וואָס מיר באַנוצן געוויינלעך. איך מיין, אַז זי זאָל בילדן בויגזאַמע, באַוועגלעכע און שנעל־פליסנדיקע פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען תמיד גרייט זיך צופּאַסן צו די פאָרגייענדע פורעמס פון דער אינטואיציע. מיר וועלן זיך שפּעטער אומקערן צו דעם דאָזיקן וויכטיקן פּונקט. פאַר איצט וועט זיין גענוג דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט, אַז אונזער דויער קאָן אונז דירעקט געגעבן ווערן דורך אַן אינטואיציע, אומדירעקט קאָן זי צו אונז אָנגעדייטעט ווערן דורך בילדער. זי קאָן אָבער קיינמאָל נישט — אויב מען האַלט זיך ביים אייגנטלעכן זין פון וואָרט באַגריף — באַנומען ווערן דורך אַ באַגרייפלעכע פאָרשטעלונג.

לאָמיר פּרוּוון פאַר אַ מאָמענט צו באַטראַכטן אונזער דויער ווי אַ פולהייט. דאַן מוזן מיר דערצו צוגעבן, אַז די טיילן פון דער דאָזיקער פולהייט, אַנשטאָט צו זיין אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, ווי זיי זענען דאָס אין וועלכער ס'איז אַנדער פולהייט, זענען זיי אָנגעקניפּט איינע אין די אַנדערע. און כאָטש מיר קאָנען אָן ספק, דורך אַן אָנשטרענגונג פון אונזער כח־הדמיון, פאַרשטאַרן דעם דויער, וואָס איז שוין דורכגעפלאָסן, צעטיילן אים אויף חלקים, וואָס איינער זאָל ליגן נעבן דעם אַנדערן, און ציילן די חלקים, ווערט אָבער די דאָזיקע אָפּעראַציע געמאַכט אויף דעם פאַרגליווערטן זכרון פון דויער, אויף דעם אומבאַוועגלעכן שפּור, וואָס דער דויער לאָזט הינטער זיך און נישט אויף דעם דויער זעלבסט. מיר מוזן דערום מודה זיין, אַז אויב דאָ איז פאַראַן אַ פולהייט, האָט זי נישט די מינדסטע ענלעכקייט צו וועלכער עס איז אַנדער פולהייט, וואָס מיר ווייסן. זאָלן מיר דען זאָגן, אַז דויער האָט איינהייט? זיכער האָט אַ קאָנטינואיטעט פון עלעמענטן, וואָס זעצן זיך פאָרט איינע אין די אַנדערע, אַזויפיל חלק אין איינהייט, וויפיל זי האָט אין פולהייט. אָבער די דאָזיקע באַוועגלעכע, זיך בייטנדיקע, בולטע און

לעבעדיקע איינהייט האָט קוים עפּעס געמיינזאַמעס מיט דער אַבסטראַק־טער, אומבאַוועגלעכער און לײדיקער איינהייט, וועלכע דער באַגריף איז תּופס. זאָלן מיר דערפון ציען דעם פּועל־יוצא, אַז דער דויער מוז דעפינירט ווערן אַלס איינהייט און פולהייט גלייכצייטיק? איז דאָס אָבער מערקווירדיק, דאָס וויפיל איך זאָל נישט דרייען אַהער און אַהין די דאָזיקע צוויי באַגריפן, זיי קוואַנטיטאַטיוו באַשטימען, פאַרשיידנאַרטיק קאָמבינירן, מאַכן איבער זיי די סובטילסטע אָפּעראַציעס פון דער גייסטיקער כעמיע, וועל איך קיינמאָל נישט אַרויסקריגן עפּעס אַזעלכס, וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן מיט דער איינפאַכער אינטואיציע, וואָס איך האָב וועגן דויער. ווען איך טו מיך אַריין אין דויער דורכן כח פון דער אינטואיציע, ווער איך תּיכף געוואָר, אַז דער דויער איז איינהייט, פולהייט, און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. די פאַרשיידענע באַגריפן זענען אַלזאָ געווען נאָר אַזויפיל אויסערלעכע געזיכטספּונקטן, וואָס פון זיי האָבן מיר דעם דויער געקאָנט באַטראַכטן. באַגריפן, סיי ווען זיי זענען פאַרייניקט, סיי ווען זיי זענען אָפּגעזונדערט, גיבן אונז נישט די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דעם דויער.

מיר דרינגען אָבער אין אים יאָ אַריין, און דאָס ווערט געטאָן נאָר אַ דאַנק דער אינטואיציע. אין דעם זין איז מעגלעך אַן אינערלעכע דערקענטעניש פון דעם דויער פונם איך דורך דעם איך. אויב אָבער די מעטאַפיזיק אין דעם פאַל פאַרלאַנגט און דערגרייכט אַן אינטואיציע, הייסט עס נאָכנישט, אַז די וויסנשאַפט נוציקט זיך נישט אין קיין אַנאַליז. און אויס דער מיספאַרשטענדעניש בנוגע די אויפגאַבן פון אינטואיציע און אַנאַליז זענען אַרויסגעשפּרונגען די דיסקוסיעס צווישן די שולן און די קאָנפליקטן צווישן די סיסטעמען.

פּסיכאָלאָגיע אין דערווירקלעכקייט גייט־אָן ווי אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן מיט אַנאַליז. זי לייזט־אויף דעם איך, וועלכער איז איר צוערשט געגעבן געוואָרן אין אַן איינפאַכער אינטואיציע, אין עמפּינדונגען, געפילן און פאָרשטעלונגען, וועלכע זי שטודירט איינע אָפּגעזונדערט פון דער אַנדערער. דאָס אָרט פון איך פערנעמען אַלזאָ ביי איר אַ ריי עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף די פאַקטן פון דער פּסיכאָלאָגיע. זענען אָבער די עלעמענטן אין דער ווירקלעכקייט טיילן? דאָס איז די גאַנצע פראַגע. און דערפאַר וואָס מען האָט די דאָזיקע פראַגע

אויסגעמיטן, איז דאָס פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש אַזוי אָפט געשטעלט געוואָרן אין אַ פאָרם, וואָס האָט געמאַכט אוממעגלעך די לעזונג פון דעם פּראָבלעם.

קיינער וועט נישט באַשטרייטן, אַז יעדער פּסיכישער צושטאַנד, שוין נאָך דערפאַר, וואָס ער געהערט צו אַ פּערזאָן, שפּיגלט־אָפּ דעם סכום פון אַלץ, וואָס שטעלט צונויף אַ פּערזענלעכקייט. איטלעכער געפיל, ווי איינפאַך ער זאָל נישט זיין, אַנטהאַלט אין זיך ווירטועל די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט פונם וועזן, וואָס לעבט דורך דעם געפיל; פאָלגלעך, קאָן דער געפיל פון דער פּערזענלעכקייט אָפּגעשניטן ווערן און אין אַ „צושטאַנד“ מגולגל ווערן, נאָך דורך דעם כח פון אַבסטראַקציע, אָדער פון אַנאַליז. עס איז אָבער נישט ווייניקער אומבאַשטרייטלעך, אַז אָן דעם באַשטרעבן פון אַבסטראַקציע, אָדער אַנאַליז, וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין אַנטוויקלונג פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט. אין וואָס אַלזאָ באַשטייט דער פּראָצעס, וואָס דורך אים רייסט אַרוים דער פּסיכאָלאָג אַ פּסיכישן צושטאַנד, כדי פון אים צו מאַכן אַ מער אָדער ווייניקער זעלבשטענדיקן מהות? דער פּסיכאָלאָג הויבט־אָן דערמיט, וואָס ער קוקט זיך נישט אום אויף דער ספּעציעלער באַפאַרבונג פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכער קאָן נישט איבערגעגעבן ווערן אין אַלגעמיינע און באַקאַנטע אויסדריקן. אין דער פּערזאָן, וואָס איז שוין אויף אַזאַ אופן פאַרייגפאַכט געוואָרן, באַמיט ער זיך ווייטער צו איזאָלירן אַ געוויסן אָנזיכט, וועלכער זאָגט־צו אַן אינטערעסאַנטע אונטערזוכונג. ווען עס האַנדלט זיך, למשל, וועגן נייגונג, וועט ער אַרויסלאָזן פון אויג דעם אומאויסדריקלעכן ניואַנס, וואָס פאַרבט די נייגונג, און מאַכט זי צו זיין דיין נייגונג און נישט מיינע. ער וועט אָנשטעלן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די באַוועגונג, וואָס דורך איר נייגט זיך אונזער פּערזענלעכקייט צו אַ באַשטימטן געגנשטאַנד: ער וועט איזאָלירן די דאָזיקע נייגונג, און פון אָט דער באַזונדערער אָנזיכט, פון דער פּערזאָן, פון דעם געזיכטספּונקט פון דער באַוועגלעכקייט פון דעם אינערלעכן לעבן, פון דער „סכעמא“ פון דער קאָנקרעטער נייגונג, וועט ער מאַכן אַ זעלבשטענדיקע טאַטזאַך. דאָס איז אומגעפער דאָסזעלבע, וואָס דער קינסטלער, למשל, טוט, ווען דורכגייענדיק פּאַריז, צייכנט ער דעם טורעם פון נאָטר דאַם. דער טורעם איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם בנין, וועלכער איז אַליין

נישט ווייניקער ענג פאַרבונדן מיטן באָדן, מיט זײַער סביבה און מיטן גאַנצן פּאַריז. עס איז נויטיק אָפּצוזונדערן דעם טורעם פון די אַלע זאַכן, בכדי מען זאָל פון דעם גאַנצן מערקן נאָר איין אָנזיכט: די אָנזיכט, וואָס דער טורעם פון נאָטר דאַס גיט אונז. נאָכמער, דער טורעם איז אין דער ווירקלעכקייט געמאַכט פון שטיינער, וואָס זייער אייגנאַרטיקע גרופּירונג האָט דעם טורעם זיין פאָרם געגעבן. דער קינסטלער אָבער אינטערעסירט זיך נישט מיט די שטיינער, ער האַלט זיך נאָר ביי דעם סילועט פון דעם טורעם. אָנשטאָט, אַלזאָ, דער רעאַלער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער זאַך, גיט אונז דער קינסטלער אַן אויסערלעכע און סכעמאַטישע פאָרשטעלונג, אַזוי, אַז אינגאַנצן גענומען קאָרעספּאָנדירט זיין צייכנונג מיט אַ באַשטימטן געזיכטספּונקט פון דער זאַך, און מיט אַ געוויסן אויסוואַל פון אַ באַשטימטער אַרט, ווי אַזוי די זאַך צו רעפּרעזענטירן. פּונקט אַזוי טוט דער פּסיכאָלאָג. ער נעמט אַרויס פון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט איין־און־איינציקן גייסטיקן צושטאַנד. אָט דער איזאָלירטער, פּסיכישער צושטאַנד איז קוים מער ווי אַ סקיצע, אַן אָנהייב פון אַ קינסטלעכער רעקאָנסטרוקציע. עס איז דאָס גאַנצע, אָבער אונטער אַ באַשטימטער עלעמענטאַרער אָנזיכט, וואָס אין איר זענען מיר באַזונדערס פאַרינטערעסירט, און וואָס זי האָבן מיר פאַרזיכטיק נאָטירט; עס איז נישט קיין טייל, נאָר אַן עלעמענט. מיר האָבן אים באַקומען דורך אַן אַנאַליז, און נישט דורך אַ נאַטירלעכער צעגלידערונג.

אונטער אַלע צייכנונגען, וואָס דער קינסטלער האָט געמאַכט אין פּאַריז, וועט ער מסתמא אונטערשרייבן לשם זכרון דאָס וואָרט „פּאַריז“. און, היות, ווי ער האָט ווירקלעך געזען פּאַריז, וועט ער אַ דאַנק דער אורשפּרינגלעכער אינטואיציע, וואָס ער האָט געהאַט פון פּאַריז אַלס גאַנצעס, זיין ביכולת אין דעם גאַנצן צו געפינען אַן אָרט פאַר יעדער באַזונדער צייכנונג, און אויף אַזאַ אַרט פאַרבינדן אַלע צייכנונגען איינע מיט די אַנדערע. עס איז אָבער אוממעגלעך צו טאָן דאָס אומגעקערטע, אפילו מיט אַן אומענדלעכער צאָל פון גענויע צייכנונגען, און אפילו מיט דעם וואָרט פּאַריז, וואָס ווייזט, אַז די צייכנונגען מוזן זיין פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע, קאָן מען נישט אַרויפשטייגן צו אַן אינטואיציע, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געהאַט, און שאַפן זיך אַן איינדרוק פון

פּאַריז, ווען מען האָט פּאַריז קיינמאָל נישט געזען. דאָס איז דערפּאַר, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט סימנים פון אַ גאַנצעם, און נישט מיט קיין טיילן פון אַ גאַנצעם. כדי צו נעמען אַ מער בולטן ביישפּיל, אַ פאַל, וואו די צייכנס זענען נאָך מער אויסדריקלעך סימבאָליש, שטעל איך מיר פאָר, אַז מען האָט מיר געוויזן אַן אַ סדר צוזאַמענגעוואָרפענע אותיות, וואָס שטעלן צונויף אַ געדיכט, וואָס איז מיר אומבאַקאַנט. וואָלטן די אותיות געווען חלקים פון געדיכט, וואָלט איך געקאָנט מאַכן אַ פּאַרזוך צוזאַמענשטעלן מיט די אותיות, וואָס איך האָב פאַר זיך, פון דאָס ניי דאָס געדיכט. איך וואָלט פּרובירט אַלע מעגלעכע פאַרשיידענע צוזאַמענשטעלונגען, ווי דאָס טוט אַ קינד מיט די פּיצלעך פון אַ כינעזיש רעטעניש. מיר ווערט אָבער אויף איין מאָמענט נישט איינפאַלן אַזאַ זאַך צו טאָן. וואָרים די אותיות זענען נישט קיין וועזנטלעכע טיילן פון געדיכט, זיי זענען אויסדריקס־טיילן פון געדיכט, און דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אָט פאַר וואָס, ווען דאָס געדיכט איז מיר באַקאַנט, זעץ איך גלייך יעדן בוכשטאַב אויף זיין באַשטימט אָרט און בינד גלייך צונויף אַן שווועריקייטן אַלע בוכשטאַבן אין איין איבערגעריסענער שורה, בעת דאָס אומגעקערטע צו טאָן איז אוממעגלעך. אפילו ווען איך גלויב, אַז איך פּאַרזוך יאָ צו טאָן דאָס אומגעקערטע, אפילו, ווען איך שטעל אויס די בוכשטאַבן אין אַ געוויסער ריי, הויב איך די דאָזיקע אַרבעט אויך אַן דערמיט, וואָס איך לאָז מיין כח־ההדמיון צו מאָלן פאַר מיר אַ וואַרשיינלעכע באַדייטונג: איך רוף, הייסט עס, אין מיר אַרויס די אינטואיציע, און פון דער אינטואיציע פּרוביר איך אַראָפּצושטייגן צו די עלעמענטאַרע סימבאָלן, וואָס דריקן אויס די אינטואיציע. דער געדאַנק אַליין, אַז אַ זאַך קאָן פון דאָס ניי אויפגעשטעלט ווערן דורך אָפּעראַציעס, וואָס ווערן געמאַכט איבער סימבאָלישע עלעמענטן, פירט צו אַזאַ אַבסורד, דאָס ער וואָלט גאָר קיינעם אין זינען נישט געקומען, ווען מען זאָל גאָר געדענקען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן נישט מיט פראַגמענטן פון אַ זאַך, נאָר מיט, אַזוי צו זאָגן, פראַגמענטן פון סימבאָלן, וואָס אין זיי דריקט זיך די זאַך אויס.

און דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, וואָס די פילאָסאָפן אונטערנעמען, ווען זיי פּרווון צו רעקאָנסטרואירן די פּערזענלעכקייט דורך פּסיכישע צושטאַנדן. און עס איז קיין נפקא מינה נישט, צי זיי האַלטן זיך ביי

די דאָזיקע צושטאַנדן אַליין, צי זיי גיבן צו אַ פּאָדים, וואָס זאָל האַלטן די צושטאַנדן אינאייגעם. הן די עמפּיריציסטן, הן די ראַציאָנאַליסטן באַגייען דעם זעלבן פעלער: די איינע ווי די אַנדערע נעמען אָן טיילווייזע באַצייכענונגען פאַר ווירקלעכע טיילן. אויף אַזאַ אופן מישן זיי צוזאַמען די שטאַנדפּונקטן פון אַנאַליז מיט אינטואיציע. פון וויסנשאַפט מיט מעטאַפיזיק.

די עמפּיריציסטן זאָגן, און מיט רעכט, אַז דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז דעקט אויף אין דער פּערזענלעכקייט נישט מער ווי פּסיכישע צושטאַנדן. דאָס איז אין אמתן די פונקציע, ניין, דאָס איז די דעפיניציע פון אַנאַליז. דעם פּסיכאָלאָגס עובדא איז נישט מער ווי צו אַנאַליזירן די פּערזאָן, דאָס הייסט, צו פאַרצייכענען צושטאַנדן, העכסטנס וואָס ער קאָן טאָן איז, אַוועקשטעלן איבער די דאָזיקע צושטאַנדן די רובריק „איך“ און זאָגן: „דאָס זענען צושטאַנדן פונם „איך“. פּונקט אַזוי שרייבט אָן דער קינסטלער דאָס וואָרט „פּאַריז“ אויף זיינע צייכנונגען. אויף דעם געביט, אויף וועלכן דער פּסיכאָלאָג פאַרנעמט זיין פּאָזיציע, איז דער „איך“ נאָר אַ צייכן, וואָס דערמאָנט אין דער פּרימיטיווער, דערצו נאָך מטושטשער אינטואיציע, וועלכע האָט דער פּסיכאָלאָגיע איר געגנשטאַנד געגעבן. דער „איך“ איז דאָ בלויז אַ וואָרט. און דער גרויסער טעות באַשטייט דערין, וואָס מען גלויבט, אַז מען קאָן בלייבן אויף דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע און דאָך געפינען הינטער דעם וואָרט אַ זאַך. דאָס איז געווען דער טעות פון די פילאָסאָפן, וואָס האָבן נישט געוואָלט בלייבן פּסיכאָלאָגן אין דער פּסיכאָלאָגיע, ווי טען און סטואַרט מילל, למשל. הגם זיי זענען פּסיכאָלאָגן אין דעם מעטאָד, וואָס זיי ווענדן אָן, זענען זיי אָבער מעטאַפיזיקער אין דעם געגנשטאַנד, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אָנגענומען. זיי שטרעבן צו אינטואיציע, און דורך אַ זעלטענער אומ־אויסגעהאַלטנקייט פאָדערן זיי די דאָזיקע אינטואיציע פונם אַנאַליז, וועלכער איז גראָד די פאַרלייקענונג פון איר. זיי זוכן דעם איך און באַהויפּטן, אַז זיי געפינען אים אין די פּסיכאָלאָגישע צושטאַנדן, כאָטש די פילפאַכקייט פון די צושטאַנדן קומט אַרויס און קאָן אַרויסקומען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס מען טראָגט זיך אַליין אַריבער ערגעץ־וואו דרויסן פון דעם איך. אַנדערש וואָלט מען פון דער פּערזענלעכקייט נישט געקאָנט מאַכן קיין ריי פון סימבאָלישע און סכעמאַטישע סקיצן, צייכנונגען

און פֿאַרשטעלונגען. און דערום, ווײַל זיי זאָלן נישט שטעלן די צושטאַנדן אײנע נעבן די אַנדערע, ווײַל זיי זאָלן נישט פֿאַרמערן זייערע באַרירונגס־פּונקטן און אויספֿאַרשן די אינטערוואַלן, וועט זיך דער איך דאָך אַרויסגליטשן פֿון אונטער זייערע פֿינגער, און זיי וועלן צום סוף דערזען אין אים אַ ליידיקן פֿאַנטאָם. מיט דערזעלבער רעכט וואָלט מען געקאָנט אַפּלייקענען, אַז די איליאַדע האָט אַ זין אויס דעם גרונט, וואָס מען געפֿינט אים נישט אין די אינטערוואַלן פֿון די אותיות, וואָס פֿון זיי איז די איליאַדע צונויפֿגעזעצט.

דער פּסיכאָלאָגישער עמפּיריציזם איז אַלזאָ דאָ אויפֿגעקומען פֿון דעם פּלאָנטער, וואָס מען האָט אַרײַנגעבראַכט אין די שטאַנדפּונקטן פֿון אינטואיציע און אַנאַליז. דער פּלאָנטער באַשטייט דערין, וואָס מען זוכט דעם אָריגינאַל אין דער איבערזעצונג, וואו ער קאָן נאַטירלעך נישט זײַן, און ווען מען געפֿינט אים דאָרט נישט, ציט מען דעם פּועל־יוצא, אַז עס איז גאָרנישט פֿאַראַן קיין אָריגינאַל. על פּי הכרח מוז עס זיך אויסלאָזן מיט אַ פֿאַרנײַנונג. טראַכט מען זיך אָבער טיפֿער אַרײַן אינם ענין זעט מען, אַז די נעגאַציע באַטײַט נאָר, אַז אַנאַליז איז נישט קיין אינטואיציע, וואָס דאָס איז קלאָר אָן באַווײַז. פֿון דער אורשפּרינגלעכער, און דערצו נאָך נישט־קלאָרער, אינטואיציע, וועלכע גיט דער ווּיסנשאַפֿט איר געגנשטאַנד, גייט די פּאָזיטיווע ווּיסנשאַפֿט גלײַך אַריבער צום אַנאַליז, וועלכער פֿאַרמערט אָן אַ שיער און אָן ערך די דרויסנדיקע געזיכטספּונקטן, וואָס פֿון זיי באַאָבאַכט די ווּיסנשאַפֿט איר געגנשטאַנד. דער ווּיסנשאַפֿט הויבט זיך אָן גאָר גיך צו גלויבן, אַז ווען זי וועט צונויפֿזאַמלען אַלע געזיכטספּונקטן, וועט זי פֿון דאָס גיי קאָנען בילדן איר געגנשטאַנד. זי איז ווי דאָס קינד, וואָס וויל מאַכן אַ שפּילצייג פֿון די שאָטנס, וואָס לויפֿן אום אויף די ווענט, און עס איז דערפֿאַר נישט קיין חידוש, וואָס דער געגנשטאַנד האַלט אין איין אַוועקפֿליען פֿון איר.

דער ראַציאָנאַליזם איז פֿאַרפּירט פֿון דערזעלבער אילוזיע. ער פֿאַנגט אָן מיט דעם זעלבן פּלאָנטער, וואָס דער עמפּיריציזם, און ווי דער לעצטער בלײַבט ער אויך אומפֿעיק צו דערגרייכן דעם אינערלעכן זעלבסט. ווי דער עמפּיריציזם באַטראַכט אויך דער ראַציאָנאַליזם די פּסיכישע צושטאַנדן אַלס אַזויפֿיל פֿראַגמענטן, וואָס זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פֿונם איך, וועלכער האַלט זיי צוזאַמען. ווי דער עמפּיריציזם זוכט

ער אויך צו פאַרבינדן די פראַגמענטן איינע מיט די אַנדערע, כדי צו בילדן פון דאָס ניי די איינהייט פון דער פערזענלעכקייט. און, ענדלעך, ווי דעם עמפּיריציזם, קומט אויך אים אויס צו זען, ווי, טראָץ דעם, וואָס ער מאַכט אַלץ פּרוּוון צו גרייפן די איינהייט פונם איך, ווערט דער לעצטער ווי אַ געשפּענסט געלם אין דער אומבאַשטימטהייט. בעת אָבער דער עמפּיריציזם, מיד ווערנדיק פון קאַמף, דערקלערט סוף־כל־סוף, אַז עס איז נישטאָ קיין זאַך אויסער דער פילהייט פון פּסיכישע צושטאַנדן, שטייט דער ראַציאָנאַליזם שטאָל און אייזן פאַר דער באַהויפּטונג, אַז עס איז פאַראַן אַן איינהייט פון דער פערזענלעכקייט. דער אמת איז, אַז זוכנדיק די דאָזיקע איינהייט אין דער ספערע פון נאָר פּסיכישע צו־שטאַנדן, און זייענדיק דערצו נאָך געצוואונגען צוצושרייבן אויפן חשבון פון די דאָזיקע צושטאַנדן אַלע קוואַליטעטן און באַשטימטהייטן, וואָס מען געפינט דורך דעם אַנאַליז (וואָרים עס איז אין דער טבע פון אַנאַליז, אַז ער זאָל פירן צו צושטאַנדן) בלייבט דעם ראַציאָנאַליזם פון דער איינהייט פון דער פערזענלעכקייט בלויז עפּעס נעגאַטיוועס, און דאָס איז די אָפּוועזנהייט פון יעטוועדער באַשטימטהייט. די פּסיכישע צושטאַנדן האָבן אין דעם אַנאַליז נויטווענדיקערווייז צו זיך אַריבערגענומען און פאַר זיך פאַרבאַהאַלטן אַלץ, וואָס קאָן זיי דינען אַלס מאַטעריאַל, דערום קאָן די „איינהייט פון איך" נישט זיין מער ווי אַ פאָרם אָן אינהאַלט. זי וועט מוזן זיין אַבסאָלוט אומבאַשטימט און ליידיק. צו די דאָזיקע שאָטנס פון איך, וואָס זייער סכום באַטייט פאַר די עמפּיריקער אַן עק־וויוואַלענט פונם איך, גיט צו דער ראַציאָנאַליזם, בכדי די פערזענלעכקייט צו רעקאָנסטרואירן, עפּעס אַזעלכס, וואָס איז נאָך ווייניקער רעאַל, נעמ־לעך, די לערקייט, וואָס אין איר באַוועגן זיך די שאָטנס — מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַ פּלאַץ פאַר די שאָטנס. פרעגט זיך, ווי קאָן אַזאַ „פאָרם", וואָס איז אין תוך פאָרמלאָז, כאַראַקטעריזירן אַ לעבעדיקע, אַקטיווע, קאָנקרעטע פערזענלעכקייט, און ווי קאָן מען דורך איר אונטערשיידן פּע־טער פון פּאַוועל? איז דאָס אַ וואונדער, וואָס די פילאָסאָפן, וועלכע איזאָלירן די דאָזיקע „פאָרם" פון דער פערזענלעכקייט, געפינען אויס מיט דער צייט, אַז די פאָרם איז נישט גענוג, כדי צו כאַראַקטעריזירן אַ באַשטימטע פערזאָן, און שריט ביי שריט ווערן זיי געבראַכט דערצו, דאָס זיי מוזן פון זייער לעבעדיקן איך מאַכן אַ כלי אָן אַ גרונט, וואָס

געהערט נישט צו פּאַוועל און נישט צו פּעטער, און וואָס איז איר איז פּאַראַן פּלאַץ פּאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און אויב מען וויל פּאַר גאָט, אָדער גאָר פּאַר די עקזיסטענץ בכלל? צווישן דעם עמפּיריציזם און ראַציאָנאַליזם זע איך דאָ נאָר איין נפקא מינה. דער עמפּיריציזם, זוכנדיק אין אַ געוויסער מאָס די איינהייט פון איך אינם רוים, וואָס צווישן די פּסיכישע צושטאַנדן, האַלט אין אָנפּילן ביז אין סוף דעם דאָזיקן רוים מיט אַנדערע צושטאַנדן, אַזוי, אַז וואָס ווייטער דער אַנאַליז ווערט געטריבן, אַלץ מער דערנענטערט זיך דער איך, וואָס איז צונויפגעשטעלט אין אַ באַשטענדיק פאַרקלענערנדיקן אינטערוואַל, צום נול־פּונקט, בעת דער ראַציאָנאַליזם, זענענדיק אין דעם איך אַ פּלאַץ, וואו עס וואוינען די פּסיכישע צושטאַנדן, בלייבט שטיין פּנים אל פּנים מיט דעם ליידיקן רוים, צו וועלכן מיר האָבן קיין גרונט און קיין רעכט נישט אָנצווענדן די באַגרענעצונגען פון דאָ און דאָרט, און וועלכער טרעט אַריבער אַלע סוביעקטיווע גרענעצן, וואָס מיר פּרובירן אים אָנצווייזן, און האַלט תמיד אין איין פאַרגרעסערן זיך און האָט אויך די טענדענץ זיך צו פאַרלירן נישט אין דעם נול־פּונקט, נאָר אין דער אומענדלעכקייט.

דער מהלך, אַלזאָ, צווישן דעם אַזויגערופענעם „עמפּיריציזם“ פון אַ טען, און די העכסט טראַנסצענדענטאַלע ספּעקולאַציעס פון די דייטשע פּאַנטעיסטן, איז אַ סך אַ קלענערער, ווי מען שטעלט זיך אים געווינלעך פאָר. דער מעטאָד איז אַנאַלאָגיש איןביידע פאַלן. ער באַשטייט דערין, וואָס ער באַהאַנדלט די עלעמענטן פון דער איבערזעצונג אַזוי, ווי זיי וואָלטן געווען טיילן פון דעם אָריגינאַל. דער אמתער עמפּיריציזם איז אָבער דער, וואָס שלאָגט פאָר, אַז מען זאָל אַזוי נאָנט ווי מעגלעך צוקומען צו דעם אָריגינאַל, מען זאָל זיין לעבן דערגרונטעווען און דורך אַ געוויסער אַרט פון אינטעלעקטועלער אַסקולטאַציע דערפילן דאָס פּאָכען פון זיין נשמה. און דער דאָזיקער אמתער עמפּיריציזם איז די אמתע מעטאַפיזיק. די אויפגאַבע איז זיכער אַ שווערע, מחמת עס קאָנען נישט באַנוצט ווערן קיינע פון די פאַרטיקע אויפפאַסונגען, וואָס העלפן דעם געדאַנק און זיינע טעגלעכע טעטיקייטן. עס איז נישטאָ קיין לייכטערעס ווי צו זאָגן, אַז דער איך איז אַ פילהייט, אָדער, אַז ער איז אַן איינהייט, אָדער, אַז ער איז אַ סינטעז פון ביידע. איינהייט און פילהייט זענען דאָ פאָרשטעלונגען, וואָס מען באַדאַרף

נישט צעשניידן לויט דעם מאָדעל פון דעם געגנשטאַנד. מען געפינט זיי גרייטע, און מען דאַרף זיי נאָר פון דעם הויפן אויסקלויבן. זיי זענען מאַגאַזין־קלײדער, וואָס פּאַסן פאַר פעטער, אַזוי גוט ווי פאַר פּאַוועל, ווייל זיי זענען נישט געצייכנט געוואָרן לויט דער פיגור פון איינעם פון זיי. אַז עמפּיריציזם, וואָס איז ווערט דעם נאָמען, עמפּיריציזם, וואָס אַרבעט נאָר נאָך דער מאָס נאָך, פילט זיך געצוואונגען צוצושטעלן אַבסאָלוט נייע אַרבעט פאַר יעדן נייעם געגנשטאַנד, וואָס ער שטודירט. ער שניידט־צו פאַר דעם געגנשטאַנד אַ באַגריף, וואָס פּאַסט זיך נאָר פאַר דעם דאָזיקן געגנשטאַנד. עס קאָן אייגנטלעך קוים אָנגערופן ווערן באַגריף, ווייל ער לאָזט זיך אָנווענדן נאָר צו דער זאַך; דער דאָזיקער עמפּיריציזם גייט נישט אָן מיט געדאַנקען־קאָמבינאַציעס, וואָס טראָגן זיך אַרום אין דער לופט, ווי איינהייט און פילהייט. אדרבה, ער פירט אונז צו אַן איינפאַכער, אייגנאַרטיקער פאָרשטעלונג, וואָס ווען מען האָט זי, איבעריקנס, שוין איינמאָל באַקומען,באַגרייפט מען זייער גוט, פאַרוואָס מען קאָן זי אַריינשטעלן אין די ראַמען פון איינהייט און פילהייט און אין נאָך אַנדערע ראַמען, וואָס איטלעכער פון זיי איז גרעסער פאַר איר. בקיצור, פילאָסאָפיע, דעפיגירט אויף אַזאַ אופן, באַשטייט נישט דערין, וואָס זי קלייבט אוים געוויסע באַגריפן, אָדער, וואָס שטעלט זיך איין פאַר דער אָדער יענער שול, נאָר דערין, וואָס זי זוכט אַן איין־און־איינציקע אינטואיציע, וואָס פון איר קאָן מען מיט דערזעלבער לייכטקייט אַראָפּשטייגן צו פאַרשידענע באַגריפן, ווייל מען האָט זיך געשטעלט העכער איבער דעם פאַנאַנדערגיין זיך פון די שולן.

אַז די פּערזענלעכקייט האָט אַן איינהייט איז זיכער, אָבער אַזאַ באַשטעטיקונג לערנט מיך קיין זאַך נישט וועגן דער אויסערגעוויינלעכער טבע פון דער ספּעציעלער איינהייט, וועלכע די פּערזענלעכקייט שטעלט מיט זיך פאָר. אַז אונזער איך איז פילפאַך — בין איך מודה. עס מוז אָבער פאַרשטאַנען ווערן, אַז דאָס איז אַ פילפאַכקייט, וואָס האָט קיין זאַך נישט געמיינזאַם מיט וואָסער ס'איז אַנדערער פילפאַכקייט. און פאַר דער פילאָסאָפיע איז באמת וויכטיק צו וויסן געגוי, וואָס פאַר אַן איינהייט, וואָס פאַר אַ פילהייט, וואָס פאַר אַ רעאַליטעט איז אין דער ווירקליכקייט די פילפאַכע איינהייט פון דעם איך, וועלכע איז העכער אי פון דער אַבסטראַקטער איינהייט, אי פון דער אַבסטראַקטער פילהייט.

און דאָס וויסן וועט די פֿילאָסאָפֿיע קאָנען נאָר דעמאָלט, ווען זי וועט ווידעראַמאָל קומען אין באַזיץ פֿון דער אײַנפֿאַכער אינטואיציע פֿונם איך דורך דעם איך. וואָס פֿאַר אַ באַגריף זי זאָל אָננעמען, צי דעם פֿון איינהייט, צי דעם פֿון פֿילהייט, צי וואָסער ס'איז אַנדערן פֿון די באַגריפֿן, וואָס דורך זיי דעפֿיניִרן מיר דאָס פֿליסנדיקע לעבן פֿונם איך, וועט זיך דאַן ווענדן אין דער ריכטונג, וואָס די פֿילאָסאָפֿיע וועט אויסקלייבן פֿאַר איר אַראָפּנידערן פֿון דעם שפּיץ פֿון דעם אינטואיציע־באַרג. מיר חזרן אָבער איבער, אַז קיין געמיש פֿון באַגריפֿן וועט אונדז נישט געבן עפּעס אַזעלכס, וואָס זאָל ווי עס איז זיך פֿאַרגלײַכן מיט דער פּערזאָן, וואָס דויערט.

ווען איך האָב פֿאַר מיר אַ פּעסטן קאָנוס, זע איך גאָר אָן שוועריקייטן, ווי ער פֿאַרשמעלערט זיך צום שפּיץ צו, און שטרעבט צונויפֿצופֿאַלן מיט אַ מאַטעמאַטישן פּונקט, צום באַזיס ווידער פֿאַרברייטערט ער זיך אין אַן אומבאַשטימטן פֿאַרגרעסערטן קרייז. נישט אָבער דער פּונקט, נישט דער קרייז און נישט דאָס באַנאַנדשטיין פֿון ביידע אויפֿן פֿליין וואָלטן מיר געגעבן דעם מינדסטן באַגריף פֿון אַ קאָנוס. דאָס זעלבע מיט דער פֿילהייט און איינהייט פֿון דעם גייסטיקן לעבן, דאָס זעלבע איז מיט דעם גול און אומענדלעכעם, וואוהין דער עמפּיריציזם און דער ראַציאָנאַליזם פֿירט די פּערזענלעכקייט.

באַגריפֿן, ווי מיר װעלן שפּעטער ווייזן, גייען אין פּאָרלעך און רעפּרעזענטירן צוויי הפֿכים. עס איז אפֿשר גאָרנישט פֿאַראַן קיין קאָנקרעטע ווירקלעכקייט, וואָס זאָל נישט קאָנען באַטראַכט ווערן פֿון צוויי שטאַנדפּונקטן, וואָס זענען זיך סותר איינע די אַנדערע, און וואָס זאָל דעריבער נישט קאָנען אונטערגעוואָרפֿן ווערן אונטער צוויי אַנטאַגאָניסטישע באַגריפֿן. דערפֿון נעמט זיך די טעזע און אַנטיטעזע, וואָס זיי צו פֿאַרייניקן איז אַן אומזיסטע טרחה, אויס דעם פּשוטן גרונט, וואָס באַגריפֿן און שטאַנדפּונקטן שטעלן נישט צונויף דעם אָביעקט.

ווערט אָבער דער אָביעקט באַנומען דורך אינטואיציע, קאָן מען שוין פֿון אים אין אַ סך פֿאַלן גרינג אַריבערגיין צו די אַנטקעגנגעזעצטע באַגריפֿן. און היות ווי אויף דעם אופֿן זעען מיר, ווי די טעזע און אַנטיטעזע שפּרינגען אַרויס פֿון דער ווירקלעכקייט באַגרייפֿן מיר שוין

אין דערזעלבער צייט אויך, פאַרוואָס זיי זענען זיך סותר איינע די אַנדערע, און ווי אַזוי אַרום זיי ווערן מושוה.

דערצו איז נויטיק, גאַטירלעך, איבערצואַנדערשן די אַרבעט פון אונזער אינטעלעקט. דענקען באַשטייט געוויינלעך דערין, וואָס מען גייט אַריבער פון באַגריפן צו זאַכן, און נישט פון זאַכן צו באַגריפן. צו דער־קענען אַ ווירקלעכקייט אין דעם געברויכלעכן זין פון וואָרט „דערקענען", הייסט, נעמען שוין פאַרטיקע באַגריפן, באַשטימען זיי קוואַנטיטאַטיוו און קאָמבינירן זיי איינע מיט די אַנדערע, ביז וואַנען מען באַקומט אַ פּראַקטישן עקוויוואַלענט פון דער ווירקלעכקייט. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די נאָרמאַלע אַרבעט פון דעם אינטעלעקט איז ווייט פון צו זיין אַ נישט־פאַרינטערעסירטע אַרבעט. בכלל טראַכטן מיר נישט צו דערקענען לשם דערקענען. אונז ווילט זיך דערקענען, כדי צו וויסן מיט וואָסער אַ צד מיר זאָלן האַלטן, כדי צו ציען נוצן, קורץ, כדי וועלכן־עס־איז אינטערעס צו באַפרידיקן. מיר אונטערזוכן ביז וואָסער אַ גראַד אין דעם אָביעקט, וואָס מיר גייען דערקענען דאָס אָדער יענץ, צו וואָסערע פון די אונז באַקאַנטע קאַטעגאָריעס געהערט ער, וואָס פאַר אַ סאָרט האַנדלונג, באַנעמונג אָדער האַלטונג זאָל ער פאַר אונז באַ־שטימען. די דאָזיקע פאַרשיידענע מעגלעכע האַנדלונגען און האַלטונגען באַדייטן אַזויפיל באַגריפלעכע ריכטונגען פון אונזער דענקען, וועלכע זענען באַשטימט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, און אונז בלייבט נישט מער ווי נאָכפאָלגן זיי. דערין אייגנטלעך באַשטייט די אָנווענדונג פון באַגריפן צו זאַכן. פּרובירן אָנפּאַסן אַ באַגריף אויף אַ געגנשטאַנד מיינט פשוט צו פרעגן, וואָס קאָנען מיר מאַכן פון דעם געגנשטאַנד, און וואָס קאָן ער פאַר אונז טאָן. אויפקלעפּן אָן אָביעקט אַן עטיקעט פון אַ באַגריף הייסט, צו באַצייכענען אין באַשטימטע טערמינען די אַרט האַנדלונג, אָדער האַלטונג, וועלכע דער אָביעקט מוז ביי אונז אַרויסרופן. איטלעכס דערקענען, אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט, איז אָריענטירט לויט אַ באַשטימטער ריכטונג, אָדער עס איז גענומען פון אַ באַשטימטן געזיכטספּונקט. אונזער אינטערעס איז, אמת, אָפט קאָמפּליצירט, דעריבער טרעפט עס, אַז מיר אָריענטירן אונזער דערקענען פון איינעם און דעמזעלבן אָביעקט אין אַ סך סוקסעסיווע ריכטונגען, און אַז מיר בייטן אונזערע געזיכטספּונקטן איבער דעם אָביעקט. דאָס איז וואָס

מען רופט, און נישט גאָר ריכטיק, — אַ „ברייטע“ און „אומפאַסנדע“
דערקענטעניש פון געגנשטאַנד. דער געגנשטאַנד ווערט דאַן אַרומגענומען
נישט פון איין און איינציקן באַגריף, נאָר פון אַ סך באַגריפן. מיר נעמען=
אָן, אַז דער געגנשטאַנד „האָט אַ חלק“ אין די אַלע באַגריפן, ווי אַזוי
באַטייליקט ער זיך אין די אַלע באַגריפן אין איינער און דערזעלבער צייט?
דאָס איז אַ שאלה, וואָס גייט נישט אָן אונזער פּראַקסיס, און וואָס מען
דאַרף בכלל נישט שטעלן. עס איז דעריבער נאַטירלעך און גערעכט=
פערטיקט, אַז אין טעגלעכן לעבן זאָלן מיר אָנגיין מיט דער אַרבעט פון
שטעלן באַגריפן איינער נעבן דער אַנדערער און קוואַנטיטאַטיוו זיי פאַנאַנ=
דערטיילן. קיינע פילאָסאָפישע שוועריקייטן וועלן דערפון נישט אַרויס=
קומען, מחמת דורך אַ שטילשווייגנדיקן אָפּמאַך וועלן מיר אונז צוריק=
האַלטן פון פילאָסאָפירן, אַריבערטראָגן אָבער דעם דאָזיקן מאָדוס
אָפּעראַנדי אין דער פילאָסאָפיע, צוגיין אויך דאָ פון באַגריפן אויף
זאַכן, אויך דאָ, וואו די דערקענטעניש דינט נישט קיינע אינטערעסן,
און וואו מען שטרעבט תּופס צו זיין דעם אָביעקט און זיך זעלבסט; זיך
באַנוצן מיט אַן אַרט דערקענטעניש, וואָס ווערט אינספּירירט פון
אַ באַשטימטן אינטערעס, און וואָס לויט איר באַגריף נאָך באַשטייט זי
דערין, וואָס דער אָביעקט ווערט באַטראַכט פון דרויסנדיקע געזיכטס=
פּונקטן, — הייסט גיין להיפך צום ציל, וואָס מען האָט זיך געשטעלט,
הייסט — צו פאַרדאַמען די פילאָסאָפיע אויף אַן אייביקן סכסוך צווישן
שולן, און אַריינברענגען אַ סתירה אין דעם רעכטן האַרץ פון דער זאַך
און פון דעם מעטאָד. ענטוועדער ס'איז נישט מעגלעך קיין פילאָסאָפיע,
און יעטוועדע דערקענטעניש פון דער זאַך איז אַ פּראַקטישע, אַ דער=
קענטעניש, וואָס באַציט זיך נאָר אויף די נוצן, וואָס מיר קאָנען ציען,
אָדער פילאָסאָפירן באַטייט צו פאַרזעצן זיך דורך דער אָנשטרענגונג פון
דער אינטואיציע אין דער זאַך גופא.

כדי אָבער צו פאַרשטיין די טבע פון דער אינטואיציע, כדי גענוי
צו באַשטימען, וואו די אינטואיציע ענדיקט זיך, און וואו דער אַנאַליז
הויבט זיך אָן, מוזן מיר גיין צוריק צו דעם, וואָס עס איז פריער געזאָגט
געוואָרן מכח דעם לויף פון דויער.

מען וועט באַמערקן, אַז די עצם=כאַראַקטעריסטיק פון באַגריפן און
סכעמאַס, צו וועלכע דער אַנאַליז פירט, איז די, וואָס זיי בלייבן אומ=

פאַרענדערט, בעת מען באַטראַכט זיי. פון דעם סך־הכל פון דעם אינער־לעכן לעבן איזאָליר איך דעם פּסיכאָלאָגישן מהות, וועלכן איך רוף־אָן עמפּינדונג. איך נעם־אָן, אַז די עמפּינדונג בלייבט ווי זי איז, אַזוי לאַנג ווי איך שטודיר זי. ווען איך וואָלט באַמערקט אַ וואָסערע־עס־איז ענדערונג אין איר, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין איינצלנע עמפּינדונג, נאָר עטלעכע סוקסעסיווע עמפּינדונגען, און די אומפאַר־ענדערלעכקייט, וואָס איך האָב צוגעשריבן צו דער פריערדיקער עמפּינדונג אַלס אַ גאַנצעס, וואָלט איך דאַן אַריבערגעטראָגן אויף איטלעכער פון די סוקסעסיווע עמפּינדונגען. אויף יעדן פאַל, ווען איך טרייב דעם אַנאַליז ווייט גענוג, קאָן איך קומען צו עלעמענטן, וועלכע איך וועל האַלטן פאַר אומפאַרענדערלעך. דאָ, און נאָר דאָ, וועל איך געפינען דעם פעסטן אָפּעראַציע־באַזיס, וואָס די ווּיסנשאַפט באַדאַרף האָבן פאַר איר אייגענער אַנטוויקלונג.

עס קאָן אָבער דאַן אָנגעוויזן ווערן, אַז עס איז נישטאָ קיין גייסטיקער צושטאַנד, מעג ער זיין ווי איינפאַך, וואָס זאָל זיך נישט בייטן יעדע רגע. דאָס איז דערפאַר, וואָס עס איז נישטאָ קיין באַוואוסטזיין אָן אַ זכרון, און וואָס קיין צושטאַנד ווערט נישט פאַרטגעזעצט אָן דעם, אַז עס זאָל צו דער געגנוואַרטיקער עמפּינדונג נישט צוגעגעבן ווערן די ערינערונג וועגן די פריערדיקע מאָמענטן. דערין באַשטייט דער דויער. דער אינערלעכער דויער איז דאָס לויפנדע לעבן פון זכרון, אַ דאַנק וועלכן די פאַרגאַנגנהייט ווערט פאַרטגעזעצט אין דער געגנוואַרט. נאָך ריכטיקער איז אפשר צו זאָגן, אַז די געגנוואַרט, מיט דעם, וואָס זי הערט נישט אויף צו בייטן איר קוואַליטעט, ציינט ווי שווער די משא איז, וואָס מיר שלעפּן הינטער אונז, און אַז די משא ווערט שווערער און שווערער לפּי ערך צו דעם, וואָס מיר ווערן עלטער. אָן דער פאָרטזעצונג פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דער געגנוואַרט האָבן מיר אַן אויגנבליקלעכע עקזיסטענץ, און נישט קיין דויער.

ווען מען זאָל מיר אפשר פאָרוואַרפן, אַז דערמיט אַליין, וואָס איך אַנאַליזיר דעם פּסיכישן צושטאַנד נעם איך אים שוין אַרויס פון דעם דויער, וואָלט איך געענטפערט: „איז דען נישט איטלעכער פון די עלעמענטאַרע צושטאַנדן, וואָס צו זיי פירט מיין אַנאַליז, אַליין אַ צו־שטאַנד, וואָס פאַרנעמט צייט?“ מיין אַנאַליז, וואָלט איך געזאָגט, לייזט

זיכער אויף דאָס אינערלעכע לעבן אין אייגנאַרטיקע צושטאַנדן; היות אָבער ווי די אייגנאַרטיקייט שפּרייט זיך אויס אויף אַ באַשטימטער צאָל פון מינוטן, אָדער סעקונדן, הערן דעריבער נישט אויף די עלעמענטאַרע פּסיכישע צושטאַנדן צו דויערן, הגם זיי ענדערן זיך נישט.

אַזוי אָבער צו זאָגן מיינט נישט איינצוזען, אַז די געוויסע צאָל פון מינוטן און סעקונדן, וואָס איך שרייב צו די עלעמענטאַרע פּסיכישע צושטאַנדן, איז אייגנטלעך דער צייכן, וועלכער איז באַשטימט מיך צו דערמאָנען, אַז דער פּסיכישער עלעמענט, וועלכן מיר האָבן באַטראַכט פאַר אייגנאַרטיק, איז אין דער ווירקלעכקייט אַ צושטאַנד, וואָס בויט זיך און דויערט. דער צושטאַנד, גענומען פאַר זיך אַליין, איז אומאויפהערלעך אין זיין ווערן. איך האָב פון דעם ווערן עקסטראַהירט אַ געוויסע דורכשניטלעכע קוואַליטעט, וועלכע איך האָב אָנגענומען אַלס אומפאַרענדערלעכע, און אויף אַזאַ אופן אויפגעשטעלט אַ שטאַנדהאַפטן, פאָלגלעך, אַ סכעמאַטישן צושטאַנד. פון דער אַנדערער זייט האָב איך פון דעם צושטאַנד עקסטראַהירט דאָס ווערן בכלל, דאָס הייסט, אַ ווערן, וואָס איז נישט דאָס ווערן פון אַ באַשטימטער זאַך, און איך האָב דעם אַ נאָמען געגעבן צ י י ט, וועלכע דער צושטאַנד פילט=אויס. וואָלט איך עם גענויער באַטראַכט, וואָלט איך געזען, אַז די דאָזיקע אַבסטראַקטע צייט איז אַקוראַט אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי דער צושטאַנד, וועלכן איך האָב אין איר פאַרזעצט. איך וואָלט געזען, אַז זי קאָן נישט פליסן אָן אַן אומאויפהערלעכן בייט פון איכות. און אויב אָן איכות, איז זי נאָר אַ בינע פאַר דער שפּיל פון פאַרענדערונגען, איז זי דאָך אייגנטלעך נישט מער ווי אַן אומבאַוועגלעכער פאַרמיטלער. איך וואָלט אויך געזען, אַז די השערה מכח דער דאָזיקער איינאַרטיקער צייט איז געמאַכט געוואָרן, בלויז כדי צו פאַרלייכטערן דעם פאַרגלייך צווישן די פאַרשיידענע קאָנקרעטע דויערס, כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר אונז צו באַרעכענען גלייכצייטיקייטן, און כדי צו מעסטן איין דויער=פאַרלויף אין זיין שייכות צו דעם אַנדערן. מיר וואָלט אויך קלאָר געוואָרן, אַז פאַרבינדנדיק די פאָרשטעלונג פון אַן עלעמענטאַרן פּסיכישן צושטאַנד מיט דער באַצייכענונג פון אַ געוויסער צאָל מינוטן און סעקונדן, דערמאָן איך בלויז מיך און אַנדערע, אַז דער צושטאַנד איז באַפרייט געוואָרן פון דעם איך, וואָס דויערט, און ער ווייזט איצט נאָר אָן אויף דעם אָרט, וואו דער איך מוז געמאַכט ווערן

זיך נאָכצומאָל צו באַוועגן, כדי ער זאָל צוריקגעפירט ווערן פון דער אַבסטראַקטער סכעמע צו דער קאָנקרעטער פאָרם, וועלכע ער האָט פריער פאַרמאָגט. איך איגנאָריר אָבער דאָס אַלץ, ווייל אין דעם אַנאַליז גערעדט איך דאָס נישט.

דאָס באַטייט, אַז דער אַנאַליז אָפּערירט תמיד מיט דעם אומבאַוועגלעכן, בעת די אינטואיציע פאַרזעצט זיך אין דעם באַוועגלעכן, אָדער, וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע, אין דעם דויער. דאָס איז די ריכטיקע גרענעץ צווישן דער אינטואיציע און דעם אַנאַליז. דאָס רעאַלע, דאָס לעבעדיקע, דאָס קאָנקרעטע דערקענט מען דורך דעם, וואָס זיי זענען פאַרענדערלעכקייט אַליין. דער עלעמענט זעט זיך אָן דורך זיין אומפאַרענדערלעכקייט. דער עלעמענט איז, לויט זיין באַגריף נאָך, אומפאַרענדערלעך, ווייל ער איז אַ סכעמע, אַ פאַרייניפאַכטע רעקאָנסטרוקציע, אָפט בלויז אַ סימבאָל, אַלנפאַלס אַ שטייענדער פונקט אין דער פליסנדער רעאַליטעט.

דער טעות באַשטייט דערין, וואָס מען גלויבט, אַז מיט די דאָזיקע סכעמעס קאָן מען שוין פון דאָס ניי אויפבויען די רעאַליטעט. ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, און איצט חזר איך איבער: מען קאָן פון דער אינטואיציע אַריבערגיין צום אַנאַליז, אָבער נישט פון דעם אַנאַליז צו דער אינטואיציע.

מיר קאָנען פון דער אומפאַרענדערלעכקייט מאַכן אַזויפיל אָפּוויי־כונגען, קוואַליטעטן און מאָדיפיצירונגען, וויפיל אונזער האַרץ גלוסט, — ווייל זיי זענען דאָך די אומפאַרענדערלעכע אָנזיכטן, וואָס דער אַנאַליז האָט גענומען פון דער באַוועגלעכקייט, וועלכע איז דער אינטואיציע געגעבן געוואָרן. די דאָזיקע מאָדיפיצירונגען אָבער, געשטעלט איינע נעבן די אַנדערע אין איין שורה, וועלן נישט פראָדוצירן קיין שום זאַך, וואָס זאָל ענלעך זיין צו דער פאַרענדערלעכקייט. דאָס איז דערפאַר, וואָס די מאָדיפיצירונגען זענען עלעמענטן פון דער פאַרענדערלעכקייט און נישט קיין טיילן פון איר.

לאָמיר, צום ביישפיל, באַטראַכטן די פאַרענדערלעכקייט; נעמלעך, די באַוועגונג אין רוים. אין דער לענג פון דער גאַנצער באַוועגונג קאָן איך מיך פאָרשטעלן מעגלעכע רעזולטאַטן, דאָס זענען, וואָס מען רופט די פאָזיציעס פון דער באַוועגלעכער זאַך, אָדער די פונקטן, דורך וועלכע

די זאַך גייט דורך. אָבער די פּאָזיציעס מאַכן נישט די באַוועגונג, און זיי זענען אויך נישט קיין טיילן פון דער באַוועגונג, זיי זענען נאָר, קאָן מען זאָגן, מעגלעכע שטילשטאַנדן. דער באַוועגלעכער קערפּער איז קיינמאָל נישט אין דערווירקלעכקייט אין איינעם פון די פונקטן. העכסטנס, וואָס מיר קאָנען זאָגן, איז, אַז דער קערפּער געהערט דורך און דורך די פונקטן. אָבער דאָס דורכגיין איז באַוועגונג, און האָט נישט קיין געמיינזאַמעס מיטן שטילשטאַנד, וועלכער איז אומבאַוועגלעכקייט. אַ באַוועגונג קאָן זיך נישט באַזירן אויף אַן אומבאַוועגלעכקייט, מחמת זי וואָלט מיט איר צונויפגעפאַלן, און דאָס איז אַ ווידערשפּרוך. די פונקטן זענען נישט *אין* דער באַוועגונג ווי טיילן, זיי זענען אפילו נישט *אונטער* איר ווי פּאָזיציעס, וועלכע דער באַוועגלעכער קערפּער פאַרנעמט; זיי זענען פּשוט פון אונז פּראָיעקטירט אונטער דער באַוועגונג. זיי זענען אייגנטלעך נישט קיין פּאָזיציעס, נאָר „סופּאָזיציעס" — אָנזיכטן און געזיכטספּונקטן פון געדאַנק. ווי קאָן מען אָבער בילדן אַ זאַך מיט געזיכטספּונקטן ?

דאָך פּרובירן מיר דאָס צו טאָן, ווען מיר קלערן וועגן באַוועגונג און וועגן צייט, וואָס איר דינט די באַוועגונג פאַר אַ מיטל רעפּרעזענטירט צו ווערן. אַ דאַנק דער שטאַרק איינגעוואָרצלטער אין אונזער גייסט אילוזיע, און אַ דאַנק דעם, וואָס מיר קאָנען אונז נישט העלפן צו באַטראַכטן דעם אַנאַליז פאַר אַן עקוויוואַלענט פון דער אינטואיציע, מערקן מיר אָן אין דער לענג פון דעם גאַנצן שטח פון דער באַוועגונג אַ געוויסע צאָל פון מעגלעכע שטילשטאַנדן, אָדער פונקטן, און, גאָר קיין סך נישט קלערנדיק, מאַכן מיר פון זיי טיילן פון דער באַוועגונג. ווען מיר זעען איין, אַז מיר זענען נישט ביכולת מיט די אָנגעמערקטע פונקטן ווידער צונויפזעצן די באַוועגונג, שטעלן מיר אַריין נאָך פונקטן, גלויבנדיק, אַז אויף אַזאַ אופן וועלן מיר צוקומען אַלץ נענטער צו דער עצם באַוועגלעכקייט אין דער באַוועגונג. און ווען די דאָזיקע באַוועגלעכקייט ווערט נאָך אַלץ פון אונז אַנטרונען, שטעלן מיר אַוועק אויפן אָרט פון דער ענדלעכער און באַגרענעצטער צאָל פונקטן אַן „אומענדלעך וואַקסנדע" צאָל, — אַזוי אַרום באַמיען מיר אונז, און אומזיסט, דורך דער באַוועגונג פון אונזער געדאַנק, וואָס גייט־אָן מיטן חבור פון פונקטן ביז אין סוף, נאָכצומאַכן די רעאַלע און אומצעטיילטע באַוועגונג פון

דעם באַוועגלעכן קערפּער. נאָכהער זאָגן מיר, אַז באַוועגונג איז צונויפגעזעצט פון פּונקטן, נאָר נישט מער, וואָס אַ חוץ די פּונקטן איז ערגעצוואו נאָך אין דער באַוועגונג פאַרבאַהאַלטן אַ טונקעלער און געהיימניספולער איבערגאַנג פון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער, גלייך ווי די טונקלהייט וואָלט לחלוטין נישט אַרויסגעקומען דערפון, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, אַז אומבאַוועגלעכקייט איז קלאָרער איידער באַוועגלעכקייט, און אַז רו קומט פריער, איידער באַוועגונג! גלייך ווי די געהיימניש וואָלט נישט געווען אויסדריקלעך אַ פּועל־יוצא דערפון, וואָס מיר האָבן זיך אונטערגענומען דורך דעם חבור פון פּונקטן אַריבערצוגיין פון שטילשטאַנד צו באַוועגונג, בעת עס איז אַזוי לייכט אַריבערצוגיין דורך אַן איינפאַכער בהדרגהדיקער פאַרמינדערונג פון באַוועגונג צו אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג און נאָכהער צו אומבאַוועגלעכקייט! מען מוז זיך צוגעוואוינען צו באַטראַכטן באַוועגונג אַלס דאָס קלאָרסטע און איינפאַכסטע, וואָס איז פאַראַן; אומבאַוועגלעכקייט איז נאָר די לעצטע גרענעץ פון דער פאַרלאַנגזאַמקייט פון באַוועגונג, אַ גרענעץ, וואָס צו איר קומען מיר צו נאָר אין אונזער געדאַנק, און וואָס אין דער נאַטור ווערט זי קיינמאָל נישט רעאַליזירט. מיר האָבן געזוכט די באַדייטונג פון דעם געדיכט אין דער פאָרם פון די אותיות, פון וועלכע דאָס געדיכט איז צונויפגעשטעלט. מיר האָבן געגלויבט, אַז האָבנדיק פאַר אונז אַ פאַרמערנדיקע צאָל אותיות, וועלן מיר סוף כל סוף קאָנען באַגרייפן דעם זין פון געדיכט, וואָס האַלט תמיד אין איין אַנטרינען. און אין יאוש, זעענדיק, אַז עס איז נוצלאָז צו זוכן אַ טייל פון דעם זין אין יעדן אות, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז צווישן איין אות און דעם אַנדערן ליגט פאַרבאָרגן דער לאַנג־געזוכטער טייל פון דעם געהיימניספולן זין פון געדיכט. עס מוז אָבער נאָכאַמאָל אָנגעדייטעט ווערן, אַז די אותיות זענען עלעמענטן פון דעם סימבאָל, און נישט קיין טיילן פון דער זאַך. און די פּאָזיציעס, חזר איך איבער, פון דעם באַוועגלעכן קערפּער זענען נישט קיין טיילן פון דער באַוועגונג, זיי זענען פּונקטן פון דעם רוים, וועלכער איז, ווי מיר זענען זיך עס משער, דער אונטערשלאַג פון דער באַוועגונג.

דער דאָזיקער לערער און אומבאַוועגלעכער רוים, וואָס עקזיסטירט נאָר אין באַגריף און קיינמאָל נישט אין דער עמפּינדונג, האָט דעם ווערט

נאָר פון אַ סימבאָל, און אויב מיר האָבן צו טאָן מיט סימבאָלן, פרעגט זיך, ווי קאָן מען ווען עס איז די ווירקלעכקייט מיט זיי פאַבריצירן?

דער סימבאָל אַנטשפּרעכט אָבער די איינגעוואָרצלטסטע געוואוינהייטן פון אונזער דענקען. מיר פאַרזעצן זיך געווינלעך אין דער אומבאַוועגלעכקייט, וואָס אין איר געפינען מיר אַ שטיץ־פונקט פאַר אונזער פּראַקסיס, און דורך איר שטרעבן מיר צו רעקאָנסטרואירן די באַוועגלעכקייט. אויף אַזאַ אופן באַקומען מיר זייער נישט קיין גראָטעסקע נאָכאַמונג, אַ פעלשונג פון דער ווירקלעכער באַוועגונג. די נאָכאַמונג דינט אונז אין לעבן אַ סך בעסער, איידער די אינטואיציע פון דער זאַך גופא. און אונזער גייסט פאַרמאָגט אַן אומווידערשטייענדיקע נייגונג צו באַטראַכטן די אידעע, וואָס דינט אונז אַמבעסטן, אַלס די קלאָרסטע. דערפאַר זעט דעם גייסט דאָס אומבאַוועגלעכע אויס צו זיין קלאָרער, איידער דאָס באַוועגלעכע און דערפאַר ווייזט זיך אונזער גייסט אויך אויס, אַז די רו קומט פריער פאַר באַוועגונג.

דערפון נעמען זיך די שוועריקייטן, וואָס דאָס פּראָבלעם פון באַוועגונג האָט גורם געווען, זינט דעם גאָר־גאָר פאַרצייטיקן אַלטערטום. די שוועריקייטן זענען תמיד אַ פועל־יוצא פון דעם, וואָס מיר באַשטייען אויף דער מעגלעכקייט אַריבערצוגיין פון רוים צו באַוועגונג, פון דעם שטח, וואָס מען פליט דורך, צום פּראָצעס פון פליען גופא, פון דעם אומבאַוועגלעכן פונקט צו באַוועגלעכקייט, און מיר רעכענען, אַז דאָס קאָן געטאָן ווערן דורך אַ חיבור פון פונקטן. די באַוועגונג איז אָבער פריער פאַר דער אומבאַוועגלעכקייט, און די שייכות צווישן די פּאָזיציעס, וואָס ווערן פאַרנומען אין רוים, און דער ענדערונג, וואָס קומט־פאָר אין די רוימלעכע פּאָזיציעס, איז נישט קיין שייכות צווישן טיילן און אַ גאַנצעס, נאָר דאָס איז אַ שייכות צווישן דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון מעגלעכע געזיכטספּונקטן איבער אַ געגנשטאַנד און דער רעאַלער אומטיילבאַרקייט פון אַ געגנשטאַנד.

אַ סך אַנדערע פּראָבלעמען זענען אויפגעקומען פון דער זעלבער אילוזיע. דאָס וואָס די אומבאַוועגלעכע פונקטן זענען צו דער באַוועגונג,— דאָס זענען די באַגריפן וועגן פאַרשיידענע קוואַליטעטן צו דעם קוואַליטאַטיוון בייט פון אַ געגנשטאַנד. די פאַרשיידענע באַגריפן, וואָס אין זיי

לייזט זיך אויף די פאַרענדערונג, זענען דעריבער די שטאַנדהאַפטע געזיכטספּונקטן פון דער אומבאַשטאַנדהאַפטיקייט פון דער ווירקלעכקייט. און צו קלערן וועגן אַ זאַך אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט „קלערן“, הייסט — אויפנעמען איינע אָדער מער אומבאַוועגלעכע געזיכטספּונקטן פון דער באַוועגלעכקייט פון דער זאַך. אין קורצן קאָן מען זאָגן, אַז אַזאַ קלערן באַשטייט אין דעם, וואָס מען פרעגט זיך פון צייט צו צייט, וואו איז די זאַך, כדי מען זאָל וויסן, וואָס מיט איר צו טאָן. וואָלט עס זיך געהאַנדלט נאָר וועגן אַ פּראַקטישער דערקענטעניש פון דער ווירקלעכקייט, וואָלט איבעריקנס אַזאַ אַרט פּראָצעדור געווען זייער און זייער באַרעכטיקט. די דערקענטעניש, אַזוי ווייט ווי זי איז אָריענטירט אויף דער ערפאַרונג, דאַרף נישט מער ווי אויסרעכענען די שטעלונגען, וואָס די זאַך נעמט אָן צו אונז, אַזוי גוט ווי די בעסטע שטעלונגען, וואָס מיר נעמען־אָן צו דער זאַך. דאָס איז די געוויינלעכע פונקציע פון די פאַרטיקע באַגריפן, פון די פּונקטן, וואָס מיר מערקן־אָן אויף דעם וועג פון ווערן. צו וועלן אָבער מיט די פאַרטיקע באַגריפן אַריינדרינגען אין דער אינעווייניקסטער טבע פון זאַכן, הייסט אָנצווענדן צו דער באַוועגלעכקייט פון דעם רעאַלן אַ מעטאָד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף צו געבן אומבאַוועגלעכע פּונקטן, וואָס פון זיי זאָל מען קאָנען באַאָבאַכטן די באַוועגלעכע רעאַליטעט; עס הייסט צו פאַרגעסן, אַז אויב מעטאַפיזיק איז מעגלעך, קאָן זי נאָר זיין אַ שווערע, פול מיט ווייטאָקן־אָנשטרענגונג אַרויפצושטייגן אויף דעם נאַטירלעכן באַרג־אָפּ פון אונזער געדאַנקען־אַרבעט, כדי דורך אַ מין אינטעלעקטועלער פאַנאַנדערשפּרייטונג זיך צו פאַרזעצן אין דעם תוך פון דער זאַך, וואָס מען שטודירט. קורץ, מעטאַפיזיק דאַרף זיין אַן אַריבערגאַנג פון דער ווירקלעכקייט צו באַגריפן און נישט פון באַגריפן צו דער ווירקלעכקייט. וואָס איז דער חידוש, וואָס די פילאָסאָפן זעען אַזוי אָפט ווי דער אָביעקט, וועלכן זיי ווילן פאַקן, פליט פון זיי אַוועק, פּונקט ווי דער רויך, וואָס די קינדער ווילן כאַפּן מיט די הענט. און אַזוי אַרום האַלטן אָן די שטרייטיקייטן צווישן די שולן אין דער פילאָסאָפיע, איין שול וואַרפט אויף דער אַנדערער, פאַרוואָס זי האָט דערלאָזט, אַז די רעאַליטעט זאָל פון אונטער אירע הענט נעלם ווערן.

אויב אָבער מעטאַפיזיק זאָל אָנגיין מיט אינטואיציע, אויב אינטו־

איציע האָט פֿאַר איר געגנשטאַנד די באַוועגלעכקייט פֿון דויער, און אויב די טבֿע פֿון דויער איז אַ פּסיכישע, — וועט עס נישט מיינען צו זאָגן, אַז די עובֿדה פֿונם פֿילאָסאָף איז אויסשליסלעך נאָר איבער זיך זעלבסט צו רעפֿלעקטירן? וועט פֿילאָסאָפֿיע באַשטיין נישט מער ווי דערין, וואָס זי וועט פּשוט זיך אַליין זען לעבן, ווי „דער שלעפֿעריקער הירט האָט געזען דאָס וואַסער פֿליסן“? אַזוי צו זאָגן מיינט אומקערן זיך צוריק צום טעות, וואָס אויף אים האָבן מיר גלייך פֿון אָנהויב פֿון אונזער אונטערזוכונג נישט אויפֿגעהערט אָנצווייזן. עס מיינט שלעכט צו פֿאַרשטיין די אייגנטימלעכע נאַטור פֿון דויער, און גלייכצייטיק אויך דעם וועזנטלעך־אַקטיוון, איך וואָלט כמעט געמעגט זאָגן, דעם געוואַלט־זאַמען כאַראַקטער פֿון דער מעטאַפֿיזישער אינטואיציע. עס מיינט נישט צו זען, אַז נאָר דער מעטאָד, וועגן וועלכן מיר ריידן, ערלויבט אונז אַוועקגיין ווייטער פֿון דעם אידעאַליזם, אַזוי גוט ווי פֿון דעם רעאַליזם, נאָר דער מעטאָד ערלויבט אונז צו באַהויפּטן, אַז עס עקזיסטירן זאַכן, וואָס הגם זיי זענען אין אַ געוויסן זין אינעווייניק אין אונז, שטייען זיי, איניקע אויף אַ נידעריקער, און אַנדערע אויף אַ העכערער מדרגה איידער מ'ר, נאָר אַ דאַנק דעם מעטאָד מאַכן מיר די דאָזיקע זאַכן צו קאָעקזיסטירן איינע מיט די אַנדערע, און פֿאַרטרייבן ביסלעכווייז די טונקלהייט, וואָס דער אַנאַליז האָט אַרום די דאָזיקע גרויסע פּראָבלעמען אָנגעקליבן. נישט אַריינלאָזנדיק זיך דאָ אין אַן אונטערזוכונג וועגן די פֿאַרשיידענע פּונקטן, וועלן מיר זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן ציינן, ווי אַזוי די אינטואיציע, וועגן וועלכער מיר ריידן, איז נישט איין אַקט נאָר אַן אומענדלעכע ריי פֿון אַקטן, אַלע בלי ספק פֿון איינעם און דעם זעלבן מין, אָבער פֿון אַ גאַנץ באַזונדער אַרט, און מיר וועלן אויך ציינן, ווי אַזוי די פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון די אַקטן שטימט צונויף מיט אַלע גראַדן פֿון דעם זיין.

ווען איך פּרוביר צו אַנאַליזירן דעם דויער, דאָס הייסט, ווען איך וויל אים אין פֿאַרטיקע באַגריפֿן אויפֿלייזן, בין איך געצוואונגען, אַ דאַנק דער עצם טבֿע פֿון באַגריפֿן און אַנאַליז, אָנצונעמען מכּח דויער אין אַלגעמיין צוויי הפֿכימדיקע אָנזיכטן, וואָס מיט זיי מאַך איך נאָכהער אַ פֿאַרזוך דעם דויער ווידער צונויפֿזועצן. די דאָזיקע קאָמבינאַציע, אין וועלכער עס שטעקט עפּעס וואונדערלעכעס, מחמת עס לייגט זיך נישט

אויפן שכל, ווי קומען זיך הפכים צו פֿאַרייניקן, קאָן אונז נישט פֿאַר=
שטעלן נישט קיין פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון גראַדן, און נישט קיין פֿאַר=
שיידנהייט פֿון פֿאָרמען. זי איז, ווי אַלע וואונדער, אָדער דאָ אָדער
נישטאָ. מיר וועט, למשל, אויסקומען צו זאָגן, אַז דאָרט איז פֿון איין
זייט פֿאַראַן אַ פֿ ו ל ק י י ט פֿון סוקסעסיווע באַוואוסטזיינס=צושטאַנדן,
און פֿון דער אַנדערער זײַט אַן א י י נ ה י י ט, וואָס בינדט זיי ווידער
צונויף. דויער וועט זיין אַ „סינטעז“ פֿון דיזער איינהייט און פֿון דיזער
פֿולהייט. דאָס איז אַ געהיימניספֿול שטיקל אַרבעט, וואָס גייט=אָן אין
דער פֿינסטער, און וואָס בנוגע צו איר, חזר איך איבער, קאָן מען
נישט איינזען, ווי זי קאָן צולאָזן ניואַנסן און גראַדן. לויט דער דאָזיקער
השערה קומט אויס, אַז עס איז פֿאַראַן, און אַז עס קאָן נאָר זיין איין
און איינציקער דויער, און דאָס איז דער דויער, וואָס מיט אים אָפּע=
רירט על פּי הרגל אונזער באַוואוסטזיין. לאָמיר זיך גענויער אויסדריקן:
ווען מיר נעמען דויער אין דעם איינפֿאַכן אָנבליק פֿון באַוועגונג, וואָס
ווערט געמאַכט אין רוים, און ווען מיר פּרובירן די באַוועגונג, באַטראַכט
אַלס פֿאַרטרעטערן פֿון צייט, צו באַגריפֿן רעדוצירן, האָבן מיר פֿון איין
זייט אַזויפֿיל, וויפֿיל אונז ווילט זיך פּונקטן פֿון דער פֿלוג=ליניע, און
פֿון דער אַנדערער זייט אַן אַבסטראַקטע איינהייט, וואָס האַלט די פּונקטן
צוזאַמען, ווי אַ שנירל האַלט די פּערל פֿון אַ האַלזבאַנד. צווישן אָט דער
אַבסטראַקטער פֿולקייט און אָט דער אַבסטראַקטער איינהייט איז די
קאָמבינאַציע, ווען זי ווערט אָנגענומען אַלס מעגלעך, עטוואָס איינציקעס,
און מיר האָבן נישט פֿאַר איר קיין ניואַנסן, פּונקט ווי מיר האָבן זיי
נישט אין דער אַריפֿמעטיק פֿאַר אַ חיבור פֿון געגעבענע צאָלן. דאַגעגן
אָבער, אויב אָנשטאָט אַנאַליזירן די דויערן (ד. ה. אין גרונט מאַכן
אַ סינטעז פֿון איר מיט באַגריפֿן) פֿאַרזעצן מיר זיך אין איר מיט=
אַמאָל דורך אַן אָנשטרענגונג פֿון אינטואיציע, באַקומען מיר אַ געפֿיל
פֿון אַ געוויסער זייער באַשטימטער געשפּאַנקייט, אין וועלכער די באַ=
שטימטהייט גופא זעט אויס ווי אַ דויער, אויסדערוועלט פֿון דער אומ=
ענדלעכקייט פֿון מעגלעכע דויערן. פֿון דעם מאָמענט=אָן קאָנען מיר זיך
מאָלן אַזויפֿיל דויערן, וויפֿיל אונז גלוסט זיך, אַלע זייער פֿאַרשיידן
איינע פֿון די אַנדערע, הגם יעטווידער איינער פֿון זיי, ווען רעדוצירט
צו באַגריפֿן, ד. ה. גענומען אויסערלעך פֿון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע

שטאַנדפּונקטן, קאָן צוריק געפירט ווערן צו אַן אומבאַשטימטער קאָמ־בינאַציע פון פולהייט און איינהייט.

לאָמיר אויסדריקן דיזעלבע אידעע פּינקטלעכער. ווען איך באַ־טראַכט דויער אַלס אַ פולהייט פון מאָמענטן, וואָס זענען פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע דורך אַן איינהייט, וואָס לויפט־דורך דורך זיי ווי אַ שנור, דאַן, ווי קורץ דער באַשטימטער דויער זאָל נישט זיין, זענען די מאָמענטן אומבאַגרענעצט אין צאָל. איך קאָן מיך זיי משער זיין אַזוי נאָנט איינע צו די אַנדערע, ווי מיר געפעלט. עס וועט תמיד צווישן די דאָזיקע מאַטעמאַטישע פּונקטן ליגן אַנדערע מאַטעמאַטישע פּונקטן, און אַזוי ווייטער ביז דער אומענדלעכקייט. פון שטאַנדפּונקט פון פולהייט, אַלזאָ, דיסאינטעגרירט זיך דויער אין אַ שטויב־ווירבל פון מאָמענטן, וואָס קיין איינער פון זיי דויערט נישט, מחמת איטלעכער פון זיי איז אויגנבליקלעך. פון דער אַנדערער זייט, ווען איך באַטראַכט די איינהייט, וואָס בינדט צונויף די מאָמענטן, קאָן זי אויך גראָד אַזוי ווייניק דויערן, ווייל לויט דער היפּאָטעזע איז אַלץ, וואָס בייט זיך, אַלץ, וואָס איז ווירקלעך דויערנדיק אין דעם דויער, פאַררעכנט געוואָרן אויף דעם חשבון פון דער פולקייט פון מאָמענטן. וואָס מער איך וועל מיך פאַרטיפן אין איר מהות, אַלץ מער וועט די איינהייט אויסווייזן צו מיר ווי אַן אומבאַוועגלעכער סובסטראַקט פון דעם, וואָס איז באַוועגלעך, ווי אַן אומצייטלעכע עסענץ פון צייט. און דאָס אַלץ רוף איך אייביקייט — אַן אייביקייט פון טויט, מחמת עס איז קיין אַנדער זאַך נישט ווי די באַוועגונג, וואָס פון איר איז אַנטרונען געוואָרן די באַוועגלעכקייט, וועלכע האָט זי צום לעבן געבראַכט. ווען מען זאָל זיך געניו צוקוקן צו די מיינונגען פון די אַנטיגאָניסטישע שולן בנוגע דער פראַגע פון דויער, וואָלט מען געזען, אַז זיי גייען זיך פאַנאַנדער בלויז אין דעם, וואָס זיי שרייבן צו די הויפּט־וויכטיקייט ענטוועדער צו איינעם אָדער צום אַנדערן פון די צוויי באַגריפן. איינע האַלטן זיך ביים שטאַנדפּונקט פון פולהייט. זיי שטעלן אַוועק אַלס די קאָנקרעטע רעאַליטעט די באַזונדערע מאָמענטן פון צייט, וועלכע זיי האָבן פולווערייזירט. די איינהייט ווידער, וועלכע מאַכט מעגלעך פאַר אונז אָנצורופן די דאָזיקע קערנדלעך פּוידער, באַטראַכטן זיי פאַר עפּעס, וואָס איז מער קינסטלעך איידער די פולהייט. די אַנדערע, אין געגנטייל, פאָנירן די איינהייט פון דויער אַלס די קאָנ־

קרעטע רעאַליטעט. זיי באַזעצן זיך אין דאָס אייביקע. היות אָבער ווי זייער אייביקייט בלייבט חוץ דעם אַבסטראַקט, ווייל זי איז ליידיק — ליידיק דערפאַר, וואָס זי איז אַן אייביקייט פון אַ באַגריף, וואָס על פּי השערה שליסט-אויס דעם אַנטקעגנגעזעצטן באַגריף, — דעריבער איז אוממעגלעך צו זען, ווי אַזוי די דאָזיקע אייביקייט קאָן צולאָזן, אַז מיט איר צוזאַמען זאָל עקזיסטירן אַן אומבאַשטימטע פולהייט פון מאָמענטן. אין דער ערשטער היפּאָטעזע האָבן מיר אַ וועלט, וואָס הענגט אין דער לופט, און וואָס מוז זיך יעדן אויגענבליק אַליין ענדיקן און פון דאָס ניי אָנהויבן. לויט דער צווייטער האָבן מיר אַן אומענדלעכקייט פון אַן אַבסטראַקטער אייביקייט, וואָס בנוגע איר איז גראָד אַזוי שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זי בלייבט נישט איינגעהילט אין זיך גופא, און ווי אַזוי זי ערלויבט זאַכן מיט איר צו קאָעקזיסטירן. אין ביידע פאַלן אָבער, און פאַר וואָסער אַ מעטאַפיזיק פון די ביידע איינער זאָל זיך נישט איינשטעלן, זעט צייט אויס פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט צו זיין אַ געמיש פון צוויי אַבסטראַקציעס, וואָס לאָזן-נישט-צו נישט קיין ניואַנסן און נישט קיין גראַדן. אין איין סיסטעם, אַזוי גוט ווי אין דעם אַנדערן, גיט עס נאָר איין און איינציקער דויער, וואָס רייסט מיט אַלץ מיט זיך — אַ גרונטלאָזער טייך, בּרעגלאָזער טייך, פליסט אין אַ ריכטונג, וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט באַשטימען. אין דער אמתן איז דאָס קיין טייך אויך נישט. מיר קאָנען דאָס אָנרופן טייך, און דער טייך פליסט נאָר דערפאַר, וואָס בעת די ביידע דאָקטרינען האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין זייער לאָגיק, האָט די רעאַליטעט אויסגענוצט דעם מאָמענט און האָט זיי געצוואונגען נאָכצוגעבן, אַז זי איז אַ פלוס. אַזוי שנעל אָבער ווי די דאָקטרינען קומען צו זיך פונם פלאָנטער, פאַרשטאַרן זיי דעם פלוס ענטוועדער אין אַן אומגעהויער, פעסטער דעק, אָדער אין אַן אומענדלעכקייט פון קרישטאָלענע נאָדלען שטענדיק אין אַ ז אַ ך, וואָס נעמט אַ נויטווענדיקן אָנטייל אין דער אומבאַוועגלעכקייט פון אַ ג ע ז י כ ט ס פּ ו נ ק ט.

גאַנץ אַנדערש קומט עס אויס, ווען דורך אַן אויפשטייגונג פון דער אינטואיציע, פאַרזעצן מיר אונז מיט איין שלאָג אין דעם קאָנקרעטן לויף פון דעם דויער. מיר וועלן יעמאָלט בלי ספק נישט געפינען קיין לאָגישן גרונט אַוועקצושטעלן פילפאַכע אָדער פאַרשיידענע דויערן.

שטרענג גענומען, קאָן אפשר נישט זיין קיין אַנדערער דויער ווי אונזער אייגענער, אַקוראַט אַזוי אומגעפער ווי עס איז מעגלעך, אַז עס זאָל נישט קאָנען זיין אין דער וועלט קיין אַנדער פאַרב אויסער למשל אָראַנזש. פונקט אָבער ווי אַ באַוואוסטזיין, וואָס איז באַזירט אויף פאַרב, וועט, סימפּאַטיזירנדיק אינערלעך מיט אָראַנזש, אויסערלעך, אָנשטאָט צו עמפינדן אָראַנזש, זיך דערפילן געשטעלט צווישן געל און בלוי, און אפשר וועט ער אויך האָבן אַ חשד, אַז גאָר אונטער דער געלער פאַרב איז פאַראַן אַ גאַנצער ספּעקטרום, וואָס צו אים ציט זיך נאַטירלעכערווייז די קאָנטינואיטעט פון רויט צו געל, אַזוי אויך די אינטואיציע פון אונזער דויער, זייענדיק ווייט דערפון, אַז זי זאָל אונז לאָזן ווי דער אַנאַליז הענגען אין דער לופט, ברענגט זי אונז אין באַריר מיט אַ גאַנצער קאָנטינואיטעט פון דויערן, וועלכע מיר מוזן זען נאָכפאָלגן אַראָפּ אונטן אָדער אַרויף אויבן. אין ביידע פאַלן קאָנען מיר, דורך אַ באַשטענדיק-פאַרשטאַרקטער אָנשטרענגונג, פאַנאַנדערציען אין דעם אומבאַגרענעצטן, אין ביידע פאַלן שטייגן מיר אונז גופא אַריבער. אינם ערשטן פאַל גייען מיר אויף אַ דויער, וואָס ווערט אַלע מאָל מער און מער צעשטרייט. די פולס-שלאָגן פון דעם דאָזיקן דויער זענען שנעלער פאַר אונזערע, זיי צעטיילן אונזערע איינפאַכע עמפינדונגען און פאַרוואַסערן די קוואַליטעט פון דעם דויער אין אַ קוואַנטיטעט. אויף דער גרענעץ פון דעם דאָזיקן דויער וואָלט געווען די ריינע איינאַרטיקייט, די ריינע ווידערהאָלונג, וואָס דורך איר דעפינירן מיר די מאַטעריאַליטעט. אין דער אַנדערער ריכטונג גייען מיר אויף אַ דויער, וואָס שטרענגט זיך אָן און ציט זיך רק מער און מער צונויף, און ווערט דורכאַנאַנד אינטענסיווער. אויף דער גרענעץ פון דעם דאָזיקן דויער וואָלט געווען די אייביקייט. נישט מער די באַגריפלעכע אייביקייט, די אייביקייט פון טויט, נאָר די אייביקייט פון לעבן; אַ לעבעדיקע, און דערום אַ באַוועגלעכע אייביקייט, אַן אייביקייט, וואָס אין איר וועט אונזער אייגענער דויער זיין איינגעשלאָסן, ווי די וויבראַציעס זענען איינגעוויקלט אין דעם ליכט; אַן אייביקייט, וועלכע איז די קאָנצענטרירונג פון דעם גאַנצן דויער, ווי די מאַטעריאַליטעט איז איר צעשטרייאונג. צווישן די ביידע אַלערלעצטע גרענעצן באַוועגט זיך די אינטואיציע, און די דאָזיקע באַוועגונג איז דער עצם תמצית פון דער מעטאַפיזיק.

עס קאָן קיין פראַגע נישט זיין וועגן דורכלויפן דאָ די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער דאָזיקער באַוועגונג. נאָכדעם אָבער ווי מיר האָבן געגעבן אַן אַלגעמיינעם איבערזיכט פון דעם מעטאָד, און האָבן געמאַכט די ערשטע אָנווענדונג פון אים, וועט עס נישט זיין נוצלאָז צו פאָרמולירן די פּרינציפּן, וואָס אויף זיי שטיצט ער זיך. דאָס רוב פון די פאָרמולירונגען, וואָס מיר וועלן איצט מאַכן, זענען שוין צו אַ געוויסן גראַד באַוויזן געוואָרן אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג. מיר האָפן זיי מער פולשטענדיק צו דעמאָנסטרירן, ווען מיר וועלן קומען צו דער באַהאַנדלונג פון אַנדערע פּראָבלעמען.

1. *עס איז פאַראַן אַ רעאַליטעט, וואָס הגם זי איז דרויסן פון אונז, איז זי דאָך אוממיטלבאַר געגעבן צו אונזער גייסט*. דער געזונטער מענטשן־פאַרשטאַנד האָט אין דעם פּונקט רעכט, אַנטקעגן דעם רעאַליזם און אידעאַליזם פון די פילאָסאָפן.

2. די דאָזיקע רעאַליטעט איז באַוועגלעכקייט. נישט קיין אַנטשטאַנענע *זאַכן* עקזיסטירן, נאָר זאַכן, וואָס אַנטשטייען, נישט קיין *צושטאַנדן*, וואָס דערהאַלטן זיך, עקזיסטירן, נאָר צושטאַנדן, וואָס בייטן זיך. די רו איז תמיד נאָר שיינבאַר, אָדער, פיל מער, רעלאַטיוו. דער באַוואוסטזיין וועגן אונזער אייגענעם איך אין זיין אומאיבערגעריסענעם פלוס פירט אונז אין דאָס אינערע פון אַ רעאַליטעט, וואָס על פּי איר מוסטער מוזן מיר משער זיין אַנדערע רעאַליטעטן. *די גאַנצע רעאַליטעט דעריבער איז אַ טענדענץ, אויב מען שטימט איין צו פאַרשטיין אונטער טענדענץ אַ ריכטונג, וואָס אין איר ווי אין אַ געקרייזלטער ליניע זעצט זיך דורך די ענדערונג אַלע מאָל פון דאָס ניי*.

3. אונזער גייסט, וואָס זוכט פעסטע שטיצפּונקטן, האָט פאַר זיין עיקר פונקציע אין דעם געוויינלעכן לויף פון לעבן דאָס פאָרשטעלן זיך פון *צושטאַנדן* און *זאַכן*. ער נעמט אויף ווען נישט ווען כמעט מאָמענטאַנע אָנזיכטן פון דער רעאַליטעטס אומצעטיילטער באַוועגלעכקייט. אַזוי אַרום קריגט ער עמפּינדונגען און אידעען. אַזוי אַרום שטעלט ער אַוועק אָנשטאָט דאָס קאָנטינואירלעכע — דאָס איבערגעריסענע, אָנשטאָט באַוועגלעכקייט — שטאַנדהאַפטיקייט, אָנשטאָט טענדענץ אינם אָנ-

גאַנג פון ענדערונג — באַשטימטע פּונקטן, וואָס מאַרקירן די ריכטונג פון דער ענדערונג און פון דער טענדענץ. אַזאַ שטעלפאַרטרעטונג איז נויטיק פאַר דעם געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד, פאַר דער שפּראַך, פאַר דעם פּראַקטישן לעבן; און אַפילו, אין אַ געוויסער מאָס, וועלכע מיר ווילן אונז באַמיען צו באַשטימען, פאַר דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט. אונזער אינטעלעקט, ווען ער פאָלגט זיין נאַטירלעכע נייגונג, גייט אָן מיט פעסטע עמפינדונגען פון איין זייט, און מיט שטאַנדהאַפטע באַגריפן פון דער אַנדערער זייט. ער גייט אַרויס פון דאָס אומבאַוועגלעכע; ער באַגרייפט און דריקט אויס די באַוועגונג נאָר אַלס אַ פונקציע פון דער אומבאַוועגלעכקייט. ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ אין די פאַרטיקע באַגריפן, און באַמיט זיך צו פאַנגען אין זיי, ווי אין אַ נעץ, די פאַרביילויפנדע רעאַליטעט. דאָס ווערט זיכער נישט געטאָן כדי צו באַקומען אַן אינערלעכע און מעטאַפיזישע דערקענטעניש פון דער רעאַליטעט. דאָס געשעט פּשוט כדי צו אויטיליזירן די רעאַליטעט, מחמת יעדער באַגריף, ווי יעדע איבערגעריסענע עמפינדונג, איז אַ פּראַקטישע פראַגע, וואָס אונזער אַקטיוויטעט שטעלט דער רעאַליטעט, און וואָס אויף איר ענטפערט די רעאַליטעט, ווי דאָס ווערט געטאָן אין געשעפטס-פאַרהאַנדלונגען מיט אַ יאָ אָדער אַ ניין. דערמיט אָבער פירט דער אינטעלעקט דערצו, אַז פון דער רעאַליטעט זאָל אַנטרונען ווערן איר עצם-תמצית.

4. די איינגעוואָרצלטע שוועריקייטן אין דער מעטאַפיזיק, די אַנטיגאָנימען, וואָס זי רופט אַרויס, די ווידערשפּרוכן, אין וועלכע זי פאַלט אַריין, די פאַנאַנדערטיילונג אין אַנטיגאָניסטישע שולן, און די אומגעלייזטע געגנזעצלעכקייטן צווישן די סיסטעמען, זענען אין אַ גרויסן טייל דער רעזולטאַט דערפון, וואָס מיר ווענדן אָן צו דער אומפּראַקטישער דערקענטעניש פון דער רעאַליטעט די מיטלען, וואָס מיט זיי באַנוצן מיר זיך אַלע מאָל פאַר פּראַקטישע צוועקן. זיי נעמען זיך דערפון, וואָס מיר פאַרזעצן אונז אינם אומבאַוועגלעכן, כדי דאָרט צו לייגן און טשאַטעווען דאָס פאַרבייגיין פונם באַוועגלעכן, אַנשטאָט וואָס מיר זאָלן זיך פאַרזעצן אינם באַוועגלעכן, כדי דערמיט דורכצומאַכן די פעסטליגנדיקע פונקטן. זיי נעמען זיך דערפון, וואָס מיר ווילן רעקאָנסטרואירן די רעאַליטעט, וועלכע איז טענדענץ און פאָלגלעך מאָביליטעט,

מיט עמפינדונגען און באַגריפן, וואָס זייער פונקציע איז צו אימאָביליזירן. מיט שטילשטאַנדן, מעגן זיי זיין ווי גרויס אין צאָל, וועלן מיר קיינמאָל נישט בילדן קיין מאָביליטעט, אָבער אויב מען גייט אַרויס פון מאָביליטעט, קאָן מען, דורך אַ שטופנווייזער פאַרלאַנגזאַמקייט, מיט דעם געדאַנק אַרויסבאַקומען פון דער מאָביליטעט אַזויפיל, וויפיל מען וויל נאָר שטילשטאַנדן. אין אַנדערע ווערטער: עס איז קלאָר, אַז מען קאָן מיט דעם געדאַנק עקסטראַהירן פון דער באַוועגלעכער רעאַליטעט באַשטימטע באַגריפן, עס איז לחלוטין אוממעגלעך מיט באַשטימטע באַגריפן פון דאָס נייַ אויפשטעלן די באַוועגלעכקייט פון דער רעאַליטעט. דער דאָגמאַטיזם אָבער, אַזוי ווייט ווי ער איז געווען אַ בויער פון סיסטעמען, האָט שטענדיק פאַרזוכט צו מאַכן די דאָזיקע רעקאָנסטרוקציע.

5. ער איז דורכגעפאַלן מיט דער דאָזיקער אונטערנעמונג. און עס איז די דאָזיקע אָנמאַכט, און בלויז די דאָזיקע אָנמאַכט, וואָס ווערט קאָנסטאַנטירט פון די סקעפּטישע, אידעאַליסטישע און קריטישע, קורץ, פון אַלע דאָקטרינען, וואָס זאָגן אָפּ דעם פאַרשטאַנד די פעיקייט צו דערלאַנגען דאָס אַבסאָלוטע. דערפון אָבער, וואָס מיר קאָנען נישט מיט פאַרגליווערטע און פאַרטיקע באַגריפן אויפבויען די לעבעדיקע רעאַליטעט, איז נאָכנישט געדרונגען, אַז מיר קאָנען זי נישט באַגרייפן אויף וואָסערן עס איז אַנדער אופן. די באַווייזן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן מכח דער רעלאַטיוויטעט פון אונזער וויסן, ליידן דעריבער פון אַן אורשפּרינגלעכן חסרון: זיי נעמען אָן, ווי דער דאָגמאַטיזם, וועלכן זיי אַטאַקירן, אַז יעדע דערקענטעניש מוז על פי הכרח אַרויסגיין פון פעסטגעשלאָסענע באַגריפן, כדי אין זיי אַריינקלאַמערן די פליסנדיקע רעאַליטעט.

6. דער אמת איז אָבער, אַז אונזער אינטעלעקט קאָן פאַרפאָלגן אַן אומגעקערטן מעטאָד. ער קאָן זיך פאַרזעצן אין דער באַוועגלעכער רעאַליטעט, אָננעמען איר אומאויפהערלעך בייטנדיקע ריכטונג, קורץ, ער קאָן זי באַגרייפן מיט דער הילף פון דעם אינטעלעקטועלן מיטגעפיל, וואָס אים רופן מיר אָן אינטואיציע. דאָס איז אומגעהויער שווער. דער גייסט מוז זיך גופא פאַרגוואַלטיקן, ער מוז אומקערן די ריכטונג פון זיין געוויינלעכער אַרט פון דענקען, ער מוז באַשטענדיק

אומדרייען, אָדער, פיל מער, אומשאַפן זיינע קאַטעגאָריען. אַזוי אַרום אָבער וועט ער קומען צו די פליסיקע באַגריפן, וואָס זענען ביכולת נאָכצופאָלגן די רעאַליטעט אין אַלע אירע בויגונגען און אָננעמען די עצם־באַוועגונג פונם אינערלעכן לעבן פון זאַכן. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט זיך בילדן אַ פאָרגעשריטענע פילאָסאָפיע, וואָס וועט זיין פריי פון די דיספוטן צווישן די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע סיסטעמען, און וואָס וועט זיין פעיק צו לייזן אויף אַ נאַטירלעכן אופן די פּראָבלעמען, ווייל זי וועט אויסגעלייזט ווערן פון די קינסטלערישע אויסדריקן, וואָס אין זיי ווערן די פּראָבלעמען געשטעלט. פ י ל אָ ס אָ פ י ר ן ב אַ ש ט י י ט ד ע ר י ן, וו אָ ס מ ע ן ק ע ר ט א ו ם ד י ר י כ ט ו נ ג, וו אָ ס א י ן א י ר ג י י ט אָ ן ע ל פ י ה ר ג ל ד י אַ ר ב ע ט פ ו ן ג ע ד אַ נ ק.

7. די דאָזיקע אומקערונג איז קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט געוואָרן אויף אַ מעטאָדישן אופן. אַ פאַרטיפונג אָבער אין דער געשיכטע פונם מענטשלעכן געדאַנק וואָלט געצייגט, אַז איר, דער דאָזיקער אומקערונג, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַלץ, וואָס איז דאָס גרעסטע אין די וויסנשאַפטן, ווי אויך אַלץ, וואָס איז לעבנספעיק אין דער מעטאַפיזיק.

די מעכטיקסטע פאָרשונגס־מעטאָדן, וואָס דער מענטשלעכער גייסט פאַרמאָגט, דער אינפיניטעסימאַל אַנאַליז, איז אויפגעקומען פון דער דאָזיקער אומקערונג. די מאָדערנע מאַטעמאַטיק איז אייגנטלעך אַן אָנשטרענגונג צו רעכענען זיך דערמיט, וואָס האַלט אין ו ע ר ן ליבערשט ווי מיט דעם, וואָס איז שוין פ אַ ר ט י ק. איר עובדה איז נאָכצוזוכן דאָס אויפבויען פון כמות אין דער וועלט, אויפצופאַסן די באַוועגונג נישט מער אויסערלעך, ווי די רעזולטאַטן, וועלכע זי ברענגט אַרויס, נאָר אינערלעך, כאָטש עס שפירט זיך איר נייגונג זיך צו ענדערן. קורץ, די מאָדערנע מאַטעמאַטיק באַמיט זיך צו מאַכן פאַר איר אייגנס די אומאויפהערלעכע באַוועגלעכקייט פון דעם אומרים פון זאַכן. אמת, אַז זי האַלט זיך נאָך ביים אומרים, מחמת זי איז דאָך אַ וויסנשאַפט פון כמות. עס איז אויך אמת, אַז זי איז געקומען צו די וואונדערבאַרע אָנווענדונגען אַ דאַנק דער ערפינדונג פון געוויסע סימבאָלן. און אויב די אינטואיציע, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט, שטייט ביים אורשפּרונג פון דער ערפינדונג, איז דער סימבאָל אַליין דער פאַרמיטלער פון דער אָנווענדונג. די מעטאַפיזיק אָבער, וואָס שטרעבט נישט צו

קיין אָנווענדונג, קאָן, און זי זאָל זיך צוריקהאַלטן פון פאַרוואַנדלען אינטואיציע אין סימבאָלן. באַפרייט פון דער פאַרפליכטונג צו אַרבעטן פאַר פּראַקטיש ניצלעכע רעזולטאַטן, וועט זי פאַרגרעסערן אָן אַ שיעור איר פאָרשונגס־געביט. וואָס זי וועט פאַרלירן אין פאַרגלייך מיט דער וויסנשאַפט אין ניצלעכקייט און עקזאַקטהייט, וועט זי ווידער געווינען אין פאַרנעם און אויסגעשפּרייטקייט. אויב מאַטעמאַטיק איז די וויסנשאַפט נאָר פון אויסמעסטונגען, אויב מאַטעמאַטישע פּראָצעסן זענען אָנווענדלעך נאָר צו קוואַנטיטעט, דאַרף מען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז קוואַנטיטעט איז תמיד קוואַליטעט אין אַ צושטאַנד פון ווערן. קוואַנטיטעט קאָן מען זאָגן איז דער באַגרענעצונג־פאַל פון קוואַליטעט. דערום איז עס נאַטירלעך, אַז די מעטאַפיזיק זאָל אָננעמען די שעפערישע אידעע פון אונזער מאַטעמאַטיק, כדי צו פאַרשפּרייטן זי אויף אַלע קוואַליטעטן; דאָס הייסט אויף דער רעאַליטעט בכלל. זי וועט זיך דורך דעם בשום־אופן נישט דערנענטערן צו דער אוניווערסאַלער מאַטעמאַטיק, דער כימערע פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. אדרבה, וואָס ווייטער זי וועט גיין, אַלץ מער וועט זי אָנטרעפן געגנשטאַנדן, וואָס קאָנען נישט איבערגעזעצט ווערן אין סימבאָלן. זי וועט אָבער לפּחות האָבן געמאַכט דעם אָנהייב פון קומען אין באַריר מיט דער אומאיבערגעריסנקייט און באַוועגלעכקייט פון דער רעאַליטעט סאַמע דאָרט, וואו דער באַריר קאָן אויף דעם וואונדערלעכסטן אופן אויסגעניצט ווערן. זי וועט האָבן זיך באַטראַכט אין אַ שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס בילד, פון זיך זעלבסט, אַ בילד בלי ספק אַ סך אַ פאַרקלענערטס, דערפאַר אָבער אַ זייער העלס. זי וועט מיט אַן איבערלייגנדער קלאָרקייט זען, וואָס די מאַטעמאַטישע פּראָצעסן האָבן געבאָרגט פון דער קאָנקרעטער רעאַליטעט, און זי וועט אַוועק אויפן וועג פון דער קאָנקרעטער רעאַליטעט, און נישט פון די מאַטעמאַטישע פּראָצעסן. נאָכדעם אַלזאָ, ווי מיר האָבן פאָרויס מילדער געמאַכט דאָס, וואָס איז צו באַשיידן און גלייכצייטיק צו אַמביציעז אין אונזער פאָלגנדיקער פאָרמולע, קאָנען מיר זאָגן, אַז די אויפגאַבע פון דער מעטאַפיזיק איז דורכצופירן קוואַליטאַטיווע דיפערענצירונגען און אינטעגרירונגען.

8. די דאָזיקע אויפגאַבע איז אויסן אויג פאַרלאָרן געגאַנגען, און די וויסנשאַפט גופא האָט זיך טועה געווען בנוגע דעם אורשפּרונג פון

די מעטאָדן, וואָס זי באַנוצט, דערפאַר וואָס די אינטואיציע, ווען זי ווערט
שוין איינמאָל דערגרייכט, מוז געפינען אַן אויסדרוק= און אַן אָנווענדונג=
מאָדוס, וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר די געוואוינהייטן פון אונזער דענקען,
און וואָס זאָל אונז באַזאָרגן דורך פעסטגעשטעלטע באַגריפן מיט די
זיכערע שטיצפּונקטן, אין וועלכע מיר נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק. דערין
ליגט דער תנאי פאַר דעם, וואָס מיר רופן עקזאַקטהייט און גענויקייט,
ווי אויך פאַר דער אומבאַשרענקטער פאַרשפּרייטקייט פון אַן אַלגעמיי=
נעם מעטאָד אויף איינצלנע פאַלן. די דאָזיקע פאַרשפּרייטקייט און די
דאָזיקע אַרבעט פון דערנענטערן זיך צו לאָגישער פולקאָמענהייט קאָן
אָנגיין פאַר יאָהרהונדערטער, דער אַקט אָבער, וואָס באַשאַפט דעם מע=
טאָד, דויערט נאָר איין הרף=עין. דעריבער נעמען מיר אָן אַזוי אָפט דעם
לאָגישן אַפּאַראַט פון דער וויסנשאַפט פאַר די וויסנשאַפט גופא *), און
מיר פאַרגעסן די מעטאַפיזישע אינטואיציע, וואָס פון איר איז אַלעם
איבעריקם אַנטשטאַנען. דאָס פאַרזען די אינטואיציע האָט מיט זיך גע=
בראַכט אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון די פילאָסאָפן און פון די
וויסנשאַפטס=מענער גופא מכח דער „רעלאַטיוויטעט“ פון וויסנשאַפט=
לעכער דערקענטעניש. רעלאַטיוו איז די סימבאָלישע דער=
קענטעניש דורך די פון פריער באַשטייענדע באַ=
גריפן, וועלכע גייען פונם נישט רירעוודיקן צום
באַוועגלעכן, בשום אופן אָבער נישט די אינטואי=
טיווע דערקענטעניש, וועלכע פאַרזעצט זיך אינם
באַוועגלעכן און נעמט אַן אָנטייל אין דעם עצם
לעבן פון זאַכן. די דאָזיקע אינטואיציע דערגרייכט דאָס
אַבסאָלוטע.

די עקזאַקטע וויסנשאַפטן און די מעטאַפיזיק טרעפן זיך אַלזאָ
צוזאַמען אין דער אינטואיציע. אַ באמת אינטואיטיווע פילאָסאָפיע וואָלט
רעאַליזירט די שטאַרק=געווינטשטע פאַראייניקונג פון וויסנשאַפט און מע=
טאַפיזיק. זי וואָלט געמאַכט די מעטאַפיזיק פאַר אַ פּאָזיטיווע וויסנ=

*) וועגן דעם דאָזיקן פונקט ווי איבער דאָס רוב פראַגן, באַהאַנדלט אין דער
דאָזיקער עסיי, זע די אינטערעסאַנטע אַרטיקלען פון ה' Wilbois, וועלכע זענען ער=
שינען אין Le Roy Revue de Métaphysique et de Morale.

שאַפט, דאָס הייסט פאַר אַ וויסנשאַפט, וואָס איז פראָגרעסיוו און פעיק זיך אָן אַ שיעור צו פאַרפולקאָמען, און אין דער זעלבער צייט וואָלט זי געבראַכט די, אין דעם געגנטלעכן זין, פאָזיטיווע וויסנשאַפטן דערצו, אַז זיי זאָלן ווערן באַוואוסטזיניק אויף זייער אמתן פאַרנעם, וועלכער איז אָפט אַ סך גרעסער, ווי זיי שטעלן זיך אים פאָר. זי וואָלט אַריינגעבראַכט מער וויסנשאַפט אין דער מעטאַפיזיק, און מער מעטאַפיזיק אין דער וויסנשאַפט. זי וואָלט געהאָלפן צו באַנייען די קאָנטינואיטעט פון די אינטואיציעס, וועלכע די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן האָבן, אַ דאַנק די בליצן פון זשעניען, דערגרייכט דאָ און דאָרט אין פאַרלויף פון זייער געשיכטע.

9. אַז עס איז נישט פאַראַן קיין צוויי פאַרשיידענע אופנים פון דערקענען זאַכן גרינטלעך, אַז די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן האָבן זייער שורש אין דער מעטאַפיזיק, דאָס איז געווען די אַלגעמיינע איבערצייגונג פון די פילאָסאָפן פון אַלטערטום. נישט דאָ איז דער טעות געלעגן. זייער טעות איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי זענען געווען באַוועלטיקט פון אַ גלויבן, וואָס איז נאַטירלעך פאַר דעם מענטשנס גייסט, געמלעך, אַז אַ פאַרענדערונג קאָן נאָר זיין אַן אויסדרוק און אַן אַנטוויקלונג פון אומפאַרענדערלעכקייטן. במילא איז אויסגעקומען, אַז טעטיקייט איז אַ שוואַכקייט פון קלערן, דויער — אַ באַטריגעריש און באַוועגלעך בילד פון דער אומבאַוועגלעכער אייביקייט, נשמה — אַן אָפּפאַל פון דער אידעע. די גאַנצע פילאָסאָפיע, וואָס הויבט זיך אָן מיט פלאַטאָ און דערגרייכט איר קולמינאַציע־פונקט מיט פלאָטין, איז אַן אַנטוויקלונג פון דעם פרינציפ, וועלכער קאָן פאָרמולירט ווערן אויף אַזאַ אופן: „דאָס אומבאַוועגלעכע איז אַ סך אינהאַלטספולער איידער דאָס באַוועגלעכע. פונם שטאַנדהאַפטן צום שטאַנדהאַפטלאָזן גייען מיר אַריבער דורך אַן איינפאַכער פאַרמינדערונג".

די מאָדערנע וויסנשאַפט רעכנט זיך פון דעם טאָג, ווען די באַוועגלעכקייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ זעלבשטענדיקע רעאַליטעט, פון דעם טאָג, ווען גאַלילײ האָט אַראָפּגעלאָזט אַ באַל פון אַ משופּעדיקן פליין, און האָט באַשלאָסן צו שטודירן די באַוועגונג פונם באַל פון אָנהויב ביזן סוף פאַר זיך און אין זיך גופא, אַנשטאָט צו זוכן דעם פרינציפ פון דער באַוועגונג אין די באַגריפן פון הויכקייט און

נידעריקייט, אין די צוויי אומבאַוועגלעכקייטן, וואָס דורך זיי האָט אַריסטאָטעל געגלויבט צו קאָנען מער אָדער ווייניקער גענוי דערקלערן די באַוועגלעכקייט. און דאָס איז נישט קיין איזאָלירטער פֿאַקט אין דער געשיכטע פֿון דער וויסנשאַפֿט. מייסטנס פֿון די גרויסע אַנטדעקונגען, לפּחות די, וואָס האָבן איבערגעאַנדערשט, אָדער וואָס האָבן נייע וויסנשאַפֿטן באַשאַפֿן, האָבן באַטייט אַזויפֿיל פֿאַרטיפֿונגען אין דעם ריינעם דויער. וואָס לעבעדיקער די רעאַליטעט, וואָס מען האָט באַרירט, אַלץ טיפֿער איז געווען דאָס אַראָפּלאָזן זיך צו איר.

דער בליישנור אָבער, וואָס זינקט אין גרונט פֿון ים, ברענגט אַרויף אַ שיטערע מאַסע, וואָס ווערט פֿון דער זונען=היץ שנעל פֿאַרטריקנט אין האַרטע, נישט צוזאַמענגעהאָנגענע זאַמד=קערנדלעך. דאָס זעלבע איז מיט דער אינטואיציע פֿון דויער. אין די שטראַלן פֿון דעם פֿאַרשטאַנד ווערט זי שנעל פֿאַרוואַנדלט אין שטאַרע, אָפּגעזונדערטע און אומבאַוועגלעכע באַגריפֿן. דער פֿאַרשטאַנד איז עקשנותדיק גענייגט צו מערקן אין דער לעבעדיקער מאָביליטעט די ווירקלעכע אָדער ווירקזאַמע פּונקטן. ער פֿאַרצייכנט דאָס אַוועקגיין און דאָס אָנקומען, מחמת דאָס איז אַלץ, וואָס גייט אָן דעם מענטשלעכן געדאַנק, אַזוי ווייט ווי ער איז מענטשלעך. צו באַגרייפֿן דאָס, וואָס קומט פֿאָר אין די אינטערוואַלן, איז מער איידער מענטשלעך, און פֿילאָסאָפֿיע קאָן נאָר זיין אַן אָנשטרענגונג אַריבערצושטייגן די מענטשלעכע באַדינגטהייט.

וויסנשאַפֿטס=לייט האָבן זייער אויפֿמערקזאַמקייט געשענקט די באַגריפֿן, וואָס מיט זיי האָבן זיי באַצייכנט דעם וועג פֿון דער אינטואיציע. וואָס מער געוויכט זיי האָבן געלייגט אויף די דאָזיקע אָפּזאַצן, וועלכע זענען אין סימבאָלן פֿאַרוואַנדלט געוואָרען, אַלץ מער האָבן זיי יעדער וויסנשאַפֿט צוגעשריבן אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. און וואָס מער זיי האָבן געגלויבט אין דעם סימבאָלישן כאַראַקטער פֿון דער וויסנשאַפֿט, אַלץ מער האָבן זיי געמאַכט די וויסנשאַפֿט סימבאָליש. זיי האָבן שוין באַלד נישט געמאַכט קיין נפֿקא מינה אין די פּאָזיטיווע וויסנשאַפֿטן צווישן דעם נאַטירלעכן און דעם קינסטלעכן, צווישן די דאַטן פֿון אומ=מיטלבאַרער אינטואיציע און דער אומערמעסלעכער אַרבעט פֿון אַנאַליז, מיט וועלכן דער פֿאַרשטאַנד האָט אַרומגערינגלט די אינטואיציע. אַזוי

אַרום האָבן זיי געלייגט אַ וועג פאַר אַ דאָקטרין, וואָס באַהויפּטעט די רעלאַטיוויטעט פון אונזער דערקענטעניש.

די מעטאַפיזיק אָבער האָט אויך געאַרבעט אין דער זעלבער ריכטונג.

ווי האָבן געקאָנט די מייסטערס פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, וועלכע זענען געווען די באַנייער פון דער וויסנשאַפט אַזוי גוט ווי פון דער מעטאַפיזיק, — ווי האָבן זיי געקאָנט נישט האָבן קיין געפיל פון דער באַוועגלעכער אומאויפהערלעכקייט פון דער רעאַליטעט? ווי האָבן זיי געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פונעם אַריינדרינגען אין דעם, וואָס מיר רופן קאָנקרעטער דויער? זיי האָבן דאָס געטאָן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי זיי האָבן דאָס געוואָלט, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי זיי האָבן דאָס געזאָגט. ווען מען פּרוּווט פאַרבינדן צוזאַמען דורך איין לויפנדער ליניע אַלע אינטואיציעס, וואָס אַרום זיי האָבן זיך סיסטעמען אָרגאַניזירט, געפינט מען נעבן די ליניען, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער, און וואָס גייען זיך צונויף, אַ געוויסע באַשטימטע ריכטונג פון געדאַנק און געפיל. וואָס איז דער דאָזיקער לעבעדיקער געדאַנק? ווי זאָלן מיר אויסדריקן דעם דאָזיקן געפיל? כדי נאָך איין מאָל באַנוצן די שפּראַך פון די פּלאַטאָניקער, וועלן מיר זאָגן, — אַוועקנעמענדיק פון די ווערטער זייער פּסיכאָלאָגישן זין, און באַצייכענענדיק מיט דעם נאָמען אידעע אַ געוויסע זיכערע רוהיקייט אין דער שוים פון לייכטער באַגרייפלעכקייט, און מיט דעם נאָמען נשמה אַ געוויסן דאָרשט נאָך דער אומרוהיקייט פון לעבן, — אַז אַן אומזיכטבאַרער שטראָם פירט די מאָדערנע פילאָסאָפיע דערצו, אַז זי זאָל שטעלן די נשמה העכער איבער דער אידעע. זי שטרעבט, אַלזאָ, ווי די מאָדערנע וויסנשאַפט, און נאָך מער איידער זי, צו גיין אין דער ריכטונג, וועלכע איז דער היפוך פון דעם אַנטיקן אַרט דענקען.

די מעטאַפיזיק אָבער האָט, ווי די וויסנשאַפט, איינגעוויקלט איר טיף לעבן אין אַ רייכן געוועב פון סימבאָלן, און זי האָט פאַרגעסן, אַז בעת די וויסנשאַפט דאַרף האָבן סימבאָלן פאַר איר אַנאַליטישער אַנטוויקלונג, איז די הויפּט-עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג פון דער מעטאַפיזיק — איר אַוועקמאַכן מיט די סימבאָלן. דאָ האָט ווידער דער פאַרשטאַנד געטאָן זיין אַרבעט פון פיקסירן, פאַנאַנדערטיילן און בויען פון

דאָס ניי. אמת, ער האָט דאָס געטאָן אין אַן עטוואָס פאַרשיידענער פאָרם. נישט באַשטייענדיק איצט אויף אַ פונקט, וועלכן מיר האָבן בדעה צו אַנטוויקלען אַנדערש־וואו, וועט דאָ זיין גענוג צו זאָגן, אַז דער פאַרשטאַנד, וואָס זיין פונקציע איז צו אָפּערירן מיט שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן, קאָן זוכן די שטאַנדהאַפטיקייט ענטוועדער אין שייכותן אָדער אין זאַכן. אַזוי ווייט ווי ער אַרבעט איבער באַגריפן פון שייכותן, שלאָגט ער זיך אָן אָן דעם וויסנשאַפטלעכן סימבאָליזם. אַזוי ווייט ווי ער אַרבעט איבער באַגריפן פון זאַכן, קומט ער צום מעטאַפיזישן סימבאָליזם. אינם ערשטן אָבער ווי אינם צווייטן פאַל ברענגט דער פאַרשטאַנד די איינאָרדנונג. דערפאַר וואָלט ער גערן געגלויבט, אַז ער איז אומאָפּהענגיק. ער נעמט אויף זיך ליבערשט די געפאַר, אַז זיין גאַנצע אַרבעט זאָל באַטראַכט ווערן נישט מער ווי אַ קינסטלעכע איינאָרדנונג פון סימבאָלן, איידער גלייך צו אָנערקענען, וואָס ער האָט צו פאַרדאַנקען דער טיפער אינטואיציע פון דער ווירקלעכקייט. אַזוי, אַז ווען מען זאָל זיך האַלטן בוכשטעבלעך ביי דעם, וואָס די מעטאַפיזיקער און וויסנשאַפטס־לייט זאָגן, ווי אויך ביי דעם אינהאַלט דערפון, וואָס זיי טוען, וואָלט מען געקאָנט גלויבן, אַז די מעטאַפיזיקער האָבן אַ טיפן טונעל געגראָבן אונטער דער רעאַליטעט, און די וויסנשאַפטס־מענער האָבן איבער איר אַ פּרעכטיקע בריק אַריבערגעוואָרפן. דער לעבעדיקער שטראָם פון זאַכן אָבער גייט פאַרביי די דאָזיקע ביידע קינסטלעכע קאָנסטרוקציעס און רירט זיי נישט אָן.

איינע פון די הויפּט־אויפטוען פון דער קאַנטישער קריטיק באַשטייט דערין, וואָס זי האָט גענומען ביים וואָרט די מעטאַפיזיק און דעם וויסנשאַפטס־מאַן, און האָט געטריבן ביידע, אי די מעטאַפיזיק אי די וויסנשאַפט, ביז צו דער עקסטרעמער גרענעץ פון סימבאָליזם, צו וועלכער זיי האָבן נאָר געקאָנט גיין, און וואָס צו איר גייען זיי במילא פון זיך אַליין, אַזוי שנעל ווי דער פאַרשטאַנד פאָדערט אַן אומאָפּהענגיקייט, וועלכע איז פול מיט געפאַרן. נאָכדעם ווי קאַנט האָט איינמאָל פאַרזען די פאַרבינדונג פון דער וויסנשאַפט און דער מעטאַפיזיק מיט דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע, איז אים שוין נישט שווער געווען צו באַווייזן, אַז אונזער וויסנשאַפט איז לגמרי רעלאַטיוו און אונזער מעטאַפיזיק דורכויס קינסטלעך. אין דעם ערשטן, ווי אין דעם צווייטן פאַל,

האָט קאַנט מגזם געווען די אומאָפּהענגיקייט פון דעם פאַרשטאַנד, און האָט אַי די וויסנשאַפט אַי די מעטאַפיזיק לויז געלאָזט פון דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע, וועלכע האָט זיי געגעבן זייער אינערלעכן שטאָף, און דעריבער האָט ער אין דער וויסנשאַפט מיט אירע שייכותן געזען נאָר אַ דין הייטל פון פאָרם, און אין דער מעטאַפיזיק מיט אירע זאַכן נישט מער ווי אַ דין הייטל פון אינהאַלט. איז דאָס אַ חדוש, וואָס די וויסנשאַפט אַנטפלעקט צו אים נאָר ראַמען איינגעפאַסט אין ראַמען, און די מעטאַפיזיק=פאַנטאָמען, וואָס יאָגן זיך נאָך פאַנטאָמען?

די קלעפּ, וואָס קאַנט האָט געגעבן אונזער וויסנשאַפט און אונזער מעטאַפיזיק, זענען געווען אַזוי געוואַלטיק, אַז עד היום זענען זיי נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער באַטויבטקייט. אונזער גייסט וואָלט גערן מסכים געווען צו זען אין דער וויסנשאַפט בלויז אַ רעלאַטיווע דערקענטעניש, און אין דער מעטאַפיזיק אַ לערע ספּעקולאַציע. עס צייגט זיך נאָך איצט אונז אויס, אַז די קאַנטישע קריטיק באַציט זיך אויף דער גאַנצער מעטאַפיזיק און אויף דער גאַנצער וויסנשאַפט. אין דערווירקלעכקייט באַציט זי זיך דער עיקר אויף דער פילאָסאָפיע פון די אַלטע פילאָסאָפן און אויך אויף דער נאָך גאַנץ אַנטיקער פאָרם, אין וועלכער די מאָדערנע האָבן געלאָזט שטעקן זייער דענקען. די קאַנטישע קריטיק גילט פאַר אַ מעטאַפיזיק, וואָס פּרעטענדירט צו געבן אונז אַן *איינציקע* און פאַרטיקע סיסטעם פון זאַכן, פאַר אַ וויסנשאַפט, וואָס וויל זיין אַן *איינציקע* סיסטעם פון שייכותן. קורץ, פאַר אַ וויסנשאַפט און מעטאַפיזיק, וואָס לאָזן זיך פאָרשטעלן אין דער אַרכיטעקטאָנישער איינפאַכקייט פון דער פלאַטאָנישער אידעען=לערע, אָדער פון אַ גריכישן טעמפּל. אויב די מעטאַפיזיק וויל זיין צונויפגעשטעלט פון באַגריפן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען, אויב זי באַשטייט אין אַ שאַרפזיניקער איינאָרדנונג פון פריער=עקזיסטירנדע אידעען, וועלכע מיר באַנוצן אַלס בוי=מאַטעריאַל פאַר אַ בנין, בקיצור, אויב זי איז עפּעס אַנדערש, ווי די באַשטענדיקע פאַנאַנדערשפּרייטונג פון אונזער גייסט, די דורכאַנאַנד=באַנייענדיקע אָנשטרענגונג צו איבערשטייגן אונזערע געגנוואַרטיקע אידעען, און אפשר אויך אונזער עלעמענטאַרע לאָגיק, איז דאָס קלאָר ווי דער טאָג, אַז, ווי אַלע ווערק פונם פאַרשטאַנד, מוז זי אויך ווערן קינסטלעך. און אויב די וויסנשאַפט איז

גאַנץ און גאָר אַן אַרבעט פון אַנאַליז, אָדער פון דער פאָרשטעלונג אין באַגריפן, אויב די ערפאַרונג דינט נאָר אַלס אַ וועריפיצירונג פון די „קלאָרע אידעען“, אויב אָנשטאָט אַרויסצוגיין פון פילפאַכע און פאַרשיידענע אינטואיציעס, וואָס פאַסן זיך אַריין אין די באַזונדערע באַוועגונגען פון איטלעכער רעאַליטעט, נישט ווערנדיק דאָך איינגעשלאָסן איינע אין דער אַנדערע, וויל זי זיין אַן אומערמעסלעכע מאַטעמאַטיק, אַן איינציקע און פאַרשלאָסענע סיסטעם פון שייכותן, וואָס שפּאַרט־איין אין אַ פון פריער צוגעגרייטער נעץ די טאָטאַליטעט פון דער ווירקלעכקייט, — דעמאָלט מוז זי ווערן אַ דערקענטעניש, וואָס איז בלויז רעלאַטיוו צו דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. לעזט מען אויפמערקזאַם די קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט זעט מען, אַז וויסנשאַפט פאַר קאַנטן האָט ווירקלעך געמיינט אַזאַ מין אוניווערסאַלע מאַטעמאַטיק, און מעטאַפיזיק איז געווען צו אים אַ כמעט נישט אומגעביטענער פּלאַטאָניזם. אין דער אמת איז דער חלום גופא וועגן אַן אוניווערסאַלער מאַטעמאַטיק אַ ירושה פונם פּלאַטאָניזם. אַן אוניווערסאַלע מאַטעמאַטיק — דאָס איז, וואָס די וועלט פון אידעען ווערט, ווען מיר נעמען אָן, אַז די אידעע באַשטייט אין אַ שייכות, אָדער אין אַ געזעץ, און נישט מער אין אַ זאַך. קאַנט האָט דעם דאָזיקן חלום פון איינציקע מאָדערנע פילאָסאָפן גענומען פאַר אַ ווירקלעכקייט. נאָך מער, ער האָט געגלויבט, אַז די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש איז בלויז אַן אָפּגעזונדערטער פראַגמענט, אָדער, פיל מער, אַן ערשטער שריט צו אוניווערסאַלער מאַטעמאַטיק *). דעריבער איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קריטיק צו באַגרינדן די דאָזיקע מאַטעמאַטיק, דאָס הייסט, צו באַשטימען וואָס מוז זיין דער אינטעלעקט און וואָס מוז זיין דער געגנשטאַנד, כדי אַ מאַטעמאַטיק, וואָס ווייס נישט פון קיינע איבעררייסן, זאָל זיי קאָנען ווידער איינעם מיט דעם אַנדערן פאַרבינדן. במילא קומט אויס, אַז אויב יעדע מעגלעכע ערפאַרונג קאָן איינגעפּאַסט ווערן אין די שטאַרע און פאַרטיקע ראַמען פון אונזער פאַרשטאַנד, איז

*) זע וועגן דעם דאָזיקן געגנשטאַנד אַ זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל פון ראַדזולעסקאָ־מאָטרן „צור אַנטוויקלונג פון קאַנטס טעאָרי דער נאַטור־קאַוזאַליטעט“ אין וואונדטס „פילאָסאָפישע שטודיען“ (באַנד IX, 1894).

דאָס דערפאַר (ווייניקסטנס אויב מען נעמט ניט אָן די פון פּאָרוים באַשטימטע האַרמאָניע), וואָס אונזער פאַרשטאַנד גופא אָרגאַניזירט די נאַטור און געפינט זיך אַליין ווידער אַמאָל אין איר ווי אין אַ שפּיגל. דערפון נעמט זיך די מעגלעכקייט פון דער וויסנשאַפט, וועלכע איז ווירקזאַם, מחמת זי איז רעלאַטיוו. די מעטאַפיזיק איז אוממעגלעך דערפאַר, וואָס איר בלייבט ניט קיין אַנדער זאַך צו טאָן ווי מיט פאַנטאָמען פון זאַכן נאָכצוטאָן דער וויסנשאַפט אין איר ערנסטער אַרבעט פון איינאָרדנען באַגריפן איבער שייכותן. בקיצור, די גאַנצע קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט איז אויסן פעסטצושטעלן, אַז דער פּלאַטאָניזם, וואָס איז ניט כשר, אויב אידעען זענען זאַכן, ווערט כשר, אויב אידעען זענען שייכותן, און אַז די פאַרטיקע אידעע, נאָכדעם ווי זי איז שוין אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון הימל און פון דער ערד, איז אין דער ווירקלעכקייט, ווי פּלאַטאָ האָט געדענקט, דער געמיינזאַמער פונדאַמענט פאַרן דענקען און פאַר דער נאַטור. די גאַנצע קריטיק אָבער פון דער ריינער פאַרנונפט באַרופט זיך אויף דעם פּאָסטולאַט, דאָס אונזער אינטעלעקט איז ניט ביכולת צו טאָן עפּעס אַנדערש ווי צו פּלאַטאָניזירן, דאָס הייסט, צו גיסן יעדע מעגלעכע ערפאַרונג אין פורעמס, וואָס עקזיסטירן פון פריער.

דאָ ליגט די גאַנצע פראַגע. אויב וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש איז באמת דאָס, וואָס קאַנט האָט געמיינט, דאַן איז פאַראַן נאָר איין איינפאַכע וויסנשאַפט, וואָס איז, ווי אַריסטאָטעל האָט דאָס געגלויבט, פאָרמירט, און זאָגאַר פאָרמולירט פון פריער אין דער נאַטור. גרויסע אַנטדעקונגען באַלייכטן נאָר פונקט נאָך פונקט די פון פריער געצייכנטע ליניע פון דער אין זאַכן אימינענטער לאָגיק, אַקוראַט ווי די לעמפּלעך פון אַ פלאַמען-קראַנץ, וואָס ווערן אין אַ יום-טוב-נאַכט אָנגעצונדן איינע נאָך די אַנדערע, און באַצייכענען די קאָנטורן פון אַ מאָנומענט. און אויב די מעטאַפיזישע דערקענטעניש איז ווירקלעך, וואָס קאַנט האָט געמיינט, דאַן איז די מעטאַפיזיק בנוגע אַלע פּראָבלעמען באַשרענקט אויף צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטעלונגען פון גייסט, איינע ניט

ווינציקער מעגלעך ווי די אַנדערע; אירע אויסדריקן זענען נישט מער ווי ווירקלעכע, קיינמאָל לאַנג נישט אָנהאַלטנדיקע אויסוואַלן צווישן צוויי לאָזונגען, וועלכע זענען אין עצם פאָרמולירט פון אייביק אָן: זי לעבט און שטאַרבט אין סתירות. דער אמת, אָבער, איז, אַז נישט די מאָדערנע וויסנשאַפט ציגט אונז אַזאַ איינרייזיקע איינפאַכקייט, און די מעטאַפיזיק שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין געגנזאַצן, וואָס קאָנען בשום אופן נישט אויסגעגליכן ווערן.

די מאָדערנע וויסנשאַפט איז נישט איינהייטלעך און נישט איינפאַך. זי באַרוט זיך, גיב איך אָן ווייטערעס צו, אויף אידעען, וועגן וועלכע מיר געפינען ענדלעך אויס, אַז זיי זענען קלאָר. די דאָזיקע אידעען זענען אָבער קלאָר געוואָרן גראַדנווייז דורך דעם געברויך, וואָס איז פון זיי געמאַכט געוואָרן. די גרעסטע טייל פון זייער קלאָרקייט האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דעם ליכט, וואָס די פאַקטן, און די אָנווענדונגען, צו וועלכע די פאַקטן האָבן געפירט, האָבן דורך אַ צוריקשטראַלונג אויף זיי געוואָרפען, — מחמת די קלאָרקייט פון אַ באַגריף איז אין גרונט קוים עפּוואָס אַנדערש, ווי דאָס אומצווייפלהאַפטעס וויסן, אַז איך וועל פּראָפיטירן, געברויכנדיק דעם באַגריף. לכתחילה האָט מער ווי איינער פון די דאָזיקע באַגריפן געמוזט אויסקוקן טונקל, נישט לייכט געלאָזט זיך פאַרייניקן מיט די באַגריפן, וואָס זענען שוין אָנגענומען געוואָרן אין דער וויסנשאַפט, און איז ווירקלעך נישט ווייט געווען פון אַן אַבסורד. דאָס מיינט, אַז די וויסנשאַפט ווערט נישט פאָרטגעזעצט דורך אַ רעגלמעסיקער איינגעשלאָסנהייט פון באַגריפען, וואָס זייער פּאַסן זיך געגנוי איינע צו די אַנדערע איז פאָרויס באַשטימט געוואָרן. אמתע און פרוכטבאַרע אידעען זענען נישט מער, ווי נאָנטע באַרירונגען מיט די שטראָמען פון דער רעאַליטעט, וועלכע מוזן זיך נישט צונויפטרעפן דוקא אין איין פּונקט. די באַגריפן אָבער, וואָס אין זיי זענען די אידעען איינגעוויקלט, דרייבן זיך אַזוי לאַנג איינע אין די אַנדערע, ביז זייערע עקן ווערן רונד. אַזוי אַרום געפינען זיי אַ וועג ווי זיך איינעם איינצואָרדענען.

די מאָדערנע מעטאַפיזיק, פון דער אַנדערער זייט, באַשטייט נישט פון אַזעלכע ראַדיקאַלע לייזונגען, וואָס זאָלן פירן צו סתירות, וועלכע קאָנען נישט אויפגעלייזט ווערן. עס וואָלט בלי ספק אַזוי געווען, ווען עס זאָל אוממעגלעך זיין איינציייגיק און איינאַרטיק אָננעמען די טעזע

און די אַנטיטעזע פון די אַנטינאָמיעס. פילאָסאָפיע באַשטייט אָבער גראָד דערין, וואָס דורך דעם כח פון דער אינטואיציע, פאַרזעצט מען זיך אין דער קאָנקרעטער רעאַליטעט, וואָס פון איר נעמט די ק ר י ט י ק אויסערלעך צוויי אַנטקעגנגעזעצטע אָנזיכטן: די טעזע און די אַנטיטעזע. איך וואָלט מיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי שוואַרץ און ווייס דרינגען דורך איינע די אַנדערע, ווען איך זאָל קיינמאָל נישט האָבן געזען גרוי; האָב איך אָבער איינמאָל גרוי געזען, קאָן איך שוין לייכט פאַרשטיין, ווי אַזוי גרוי קאָן באַטראַכט ווערן פון צווייערליי געזיכטספונקטן, מעגלעך, שוואַרץ און ווייס. די דאָקטרינען, וואָס האָבן אַ געוויסן יסוד פון אינטואיציע, ווערן נצול פון דער קאַנטישער קריטיק, לפי ערך צו דעם אויף וויפיל זיי זענען אינטואיטיוו. און די דאָזיקע דאָקטרינען בילדן דאָס גאַנצע פון דער מעטאַפיזיק, בתנאי, אַז מען זאָל זיך רעכענען נישט מיט דער מעטאַפיזיק, וועלכע איז שטאַר און טויט אין דער ט ע ז ע, נאָר מיט דער, וואָס לעבט אין די פילאָסאָפן. די חילוקי־דעות, וואָס הערשן צווישן די שולן, — דאָס הייסט, אין ברייטן זין פון וואָרט, צווישן די כחות פון תּלמידים, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די גרויסע מייסטערס, — זענען געווים אויפפאַלנד. זענען זיי אָבער אַזוי שטאַרק צווישן די מייסטערס גופא? עטוואָס באַהערשט דאָ די פאַרשיידנהייט פון סיסטעמען, עטוואָס, חזרן מיר איבער, וואָס איז אַזוי קלאָר און איינפאַך, ווי די בליישנור, וואָס בנוגע איר פילט מען, אַז זי האָט באַרירט מער אָדער ווייניקער טיף דעם גרונט פון דעם זעלבן ים, הגם צו דעם אויבערפלאַך ברענגט זי יעדעס מאָל פאַרשיידענע מאַטעריאַלן. אויף די דאָזיקע מאַטעריאַלן אַרבעטען עס געוויינלעך די תּלמידים, דאָס איז די ראָל פון דעם אַנאַליז. און דער מייסטער, אַזוי וויט ווי ער פאָרמולירט, אַנטוויקלט און זעצט איבער אין אַבסטראַקטע אידעען דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, איז שוין אין אַ זין זיין אייגענער תּלמיד. דער פּשוטער אַקט אָבער, וואָס האָט דעם אַנאַליז אַרויסגערופן און וואָס פאַרבאַהאַלט זיך הינטער דעם אַנאַליז, שטאַמט פון אַ פעיקייט, וואָס איז גאַנץ פאַרשיידן פון דער אַנאַליטישער, דאָס איז, לויט דעם באַגריף גופא, די אינטואיציע.

צום שלום וועלן מיר זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער פעיקייט איז נישט פאַראַן קיין געהיימניספולעס. יעדער איינער פון אונז האָט געהאַט

די געלעגנהייט אין אַ געוויסער מאָס זיך מיט איר צו באַנוצן. ווער עס האָט, צום ביישפּיל, געמאַכט אַ פּרווו אויף ליטעראַרישער פאַרפאַסונג, ווייסט גאַנץ גוט, אַז ווען דער געגנשטאַנד איז לאַנג געשטודירט געוואָרן, ווען דער גאַנצער מאַטעריאַל איז געזאַמלט געוואָרן, און די פאַרצייכענונגען זענען געמאַכט געוואָרן, דאַרף מען נאָך עפּעס מער האָבן, כדי אָנצוגיין מיט דער פאַרפאַסונג גופא. און גאַנץ אָפט איז דאָס פאַרזעצן זיך אין רעכטן האַרץ פון געגנשטאַנד און צו זוכן אַזוי טיף ווי מעגלעך דעם אימפּולס, וואָס נאָך דעם ווי מיר דערשפּירן אים האָבן מיר שוין נישט מער צו טאָן ווי אונז לאָזן גיין, אַ גאַנץ שווערע און פול מיט שמאַרצן־אָנשטרענגונג. דער דאָזיקער אימפּולס, ווען מען האָט אים שוין עמפּפאַנגען, ווייזט דעם גייסט דעם וועג, וואו ער קאָן ווידער געפינען אַלע באַלערונגען, וואָס ער האָט געזאַמלט, און נאָך טויזנטער איינצלהייטן. ער אַנטוויקלט זיך און אַנאַליזירט זיך גופא אין אויסדריקן, וואָס האָבן קיין שיער נישט אין צאָל; וואָס ווייטער מיר גייען, אַלץ מער אויסדריקן אַנטדעקן מיר; מיר וועלן קיינמאָל נישט זאָגן אַלץ, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט זאָגן, און דאָך ווען מיר ווענדן אונז פּלוצלינג צום אימפּולס, וואָס מיר פילן הינטער אונז און פּרובירן אים צו גרייפן, איז ער שוין פאַרפלויגן; דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז נישט קיין זאַך, נאָר אַ באַוועגונגס־ריכטונג, און הגם ער איז אומענדלעך אין פאַרנעם, איז ער דאָך די איינפאַכקייט אַליין. מעטאַפיזישע אינטואיציע שיינט צו זיין פון דעם זעלבן מין. די דאָקומענטן און אויפצייכענונגען פון דער ליטעראַרישער פאַרפאַסונג שטימען דאָ צונויף מיט דעם סך הכל פון די באַאָבאַכטונגען און ערפאַרונגען, וואָס זענען געזאַמלט פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, מיר באַקומען נישט קיין אינטואיציע פון דער רעאַליטעט, דאָס הייסט, אַן אינטעלעקטועלן מיטגעפיל דערמיט, וואָס זי באַזיצט אַן אינערלעכסטן, אויב מיר האָבן נישט געוואונען איר צוטרוי דורך אַ לאַנגער חברשאַפט מיט אירע אויבנאויפיקע אויסדריקן. און עס האַנדלט זיך דאָ נישט בלויז וועגן אַסימילירן די באַדייטנדסטע פאַקטן. אַן אומגעהויערע מאַסע פון פאַקטן מוז צונויפגעהויפט און צונויפגעשמאָלצן ווערן, אַזוי אַז מען קאָן זיכער זיין, אַז אין דעם דאָזיקן געמיש וועלן אַלע פאָרגעפאַסטע און פאַרצייטיקע אידעען, וואָס די באַאָבאַכטער האָבן געלייגט אינם יסוד פון זייערע באַטראַכטונגען, נייטראַליזירן איינע די אַנדערע. נאָר אויף

אַזאַ אופן ווערט דער רויער מאַטעריאַל פון די באַקאַנטע פאַקטן צום אויג געבראַכט. אפילו אין דעם איינפאַכן און באַזונדערם איינדרינגלעכן פאַל, וואָס מיר האָבן אַלס ביישפיל באַנוצט, אפילו פאַר דעם דירעקטן באַריר פון דעם איך מיט דעם איך, ווען די סוף-כל-סופיקע אָנשטרענגונג פון דער באַשטימטער אינטואיציע אוממעגלעך זיין פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט נישט פאַרגלייכט און וואָס האָט נישט פאַרייניקט אַ גרויסע צאָל פסיכאָלאָגישע אַנאַליזן איינע מיט די אַנדערע. די מייסטערם פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע זענען געווען מענער, וואָס האָבן פאַר זייער אייגנם געמאַכט דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל פון זייער צייט, און די פינסטערניש, וואָס האָט געהערשט צו אַ געווימן גראַד פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אין דער מעטאַפיזיק, האָט אויגנשיינלעך קיין אַנדער גרונט נישט ווי די אויסערגעוויינלעכע שוועריקייט פאַר דעם היינטיקן פילאָסאָף באַקאַנט צו ווערן מיט דער צו שטאַרק דיפערענצירטער וויסנשאַפט. אָבער, הגם די מעטאַפיזישע אינטואיציע קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך מאַטעריעלע דערקענטעניש, איז זי דאָך עפּעס גאַנץ אַנדערש, ווי בלויז אַ רעזומע, אָדער אַ סינטעז פון דער דאָזיקער דערקענטעניש. זי אונטערשיידט זיך פון איר, חזרן מיר איבער, ווי דער באַוועגלעכער אימפולס אונטערשיידט זיך פון דעם וועג, וואָס דער באַוועגלעכער קערפּער לויפט דורך, ווי די געשפּאַנטקייט פון דער ספרענזשינע אונטערשיידט זיך פון די זיכטבאַרע באַוועגונגען פון דעם אומרו. אין דעם זין, האָט די מעטאַפיזיק קיין זאַך נישט געמיינזאַם מיט אַ פאַראַלגעמיינונג פון דערפאַרונג, און דאָך לאָזט זי זיך דעפינירן ווי די ערשעפּענדע איינהייט, ווי די אַבסאָלוטע טאָטאַליטעט פון אַלע דערפאַרונגען.